STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02601

SIMFONYE IN VINT

Rivka Kope

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר ב ק ה ק אָ פּ ע

סימפאָניע אין ווינט

© Copyright by Rivka Kopé
Printed in France
IM-PO, 65, rue du Faubourg Saint-Denis, 75010 Paris.

רבקה קאָפּע

סימפאָניע אין ווינט

פּאַריז — 1978

אילוסטרירט פון די קינסטלערס :
אַדאַם מושקאַ און דוד טושינסקי

איך דריק אויס אַן אויפריכטיקן
דאַנק די פריינד יוסף שעכטער,
נפתלי מילנער און יהושע זיידמאַן
פאַר זייער מי ביים זעצן און
שטעלן די דאַזיקע זאַמלונג

RIVKA KOPE
SYMPHONIE AU VENT
(poèmes)

סימפאָניע אין ווינט

סימפאָניע אין ווינט

א

די פייגל רוישן אויף די פרילינג־ווענן,
פון די נאָענטסטע און ווײַטסטע ברעגעס.
אַהין און צוריק געזאַנג אַנטקעגן —
אין אַ צעברויזטן ים פון רגעס...

די גלעקל־בלימעלעך פונעם חודש ניסן,
רייצן זיך אַרײַן אין מײַנע בליקן.
ווי אין תפיסה־פּײַן איך הייב שוין אָן געניסן
פון אַלץ וואָס דער פרילינג נעמט אויספּיקן.

וויפל מאָרגנס וועל איך נאָך דערטראָגן
מיט שווײַגעניש וואָס טוט מיך איבערשרײַען ?
בוקעטן יאָרן ברענגען די פאַרטאָגן,
איך זאָל זיי אויסלעבן אינעם רעיון...

איבער אַלע זיבן הויטן פון מײַן ליד,
זענען בליציקע זיגזאַגן דורגעלאָפן
און אַלץ וואָס כ׳האָב אין אים אַרײַנגעגליט,
שלאָגט צוריק מיט היץ פון מײַנע סטראָפן.

ב

אַ רעגן שמײַסט און פּאַטשט די גאַסן ווי משוגע,
אַ פֿלאַקס פֿון וואַסער־ווערעם אויף די שויבן ראַיעט.
דער הימל גיסט זיך אויס אין אַ שטורעם־וויוגע,
ווי ס׳וואָלט אַ גאַנצער וואַלד מיט וועלף געוואָיעט.

אַ זכיה־פֿאַנצער נעמט אַרום מיך און באַשיצט,
איך ליג אין ווייכע אָרעמס פֿון אַ זיסער שעה. —
עס שלאָגט זיך אָן מײַן שטערן אין אַ וואָלקנבליץ
און צערן טריפֿן אויס פֿון מיר ביז סאַמע דנאָ.

אַנטרונען איז דער טאָג אין שטובן אײַנגעפּרעסט,
דורך שלווה כ׳הער ווי עמעץ רופֿט מײַן נאָמען.
אַ פֿויגל קלאָגט אויף זײַן צעשטערטע נעסט, —
לבנה ברענגט פֿאַר מיר אַ בינטל שטערן־בשמים.

אויטאָ־פּאָרטרעט

איך מאָל
מיט אַ שטיק נאָכט מײַן פּאָרטרעט.
דער אויסערלעכער דעקאָר
שפּילט האַרמאָניש
אַרויס פון אינעווייניק
מײַן פּנים.

ווען שטיין מיט שטיין רעדט זיך צונויף,
ווערט אַ פונקען־דיאַלאָג.
מאָל איך מײַן פּנים,
בין איך אײַנגעהערט אינעם פאַרבן־מאָנאָלאָג.
כ׳לאָז מיך באַוועלטיקן
פון אַ העכערן כוח,
אַלץ איינס ווי מען רופט אים.
איך שלאָג מיך מיט די כוואַליעס פון לעבן
ווי כ׳וואָלט שווימען געקענט;
איך שלאָג מיך מיט כוואַליעס
ווי מיט אײַזערנע ווענט.

דאָס דריטע אויג מײַנס, פאַרגעפּיל,
זעט אַריבער צײַט.
טייל מאָל שוים איך מיך
מיטן כוח פון אָקעאַן;
כאָטש איך ווייס ווי ליגנעריש האָפענונג איז,
וואָס פאַרנאַרט אין שפּאַן.

דאָרט ווו איך שלאָג אַרויס שטראַלן
פון מײַן אײגן זאַלץ,
קוועל איך נאַרציזיש אָפּ פון מײַן וואָרט.

ווען ליבע און האַס
פאַרקנוילן אין מיר זיך צוזאַמען,
שפּין איך
דעם ליבע־פאָדעם פון דעם באַלעם.

נאָר אינעם שטײַג פון מײַן שאַפן —
ווערט געבוירן מײַן חוש פון פרײַהייט;
טו איך תפילה
צו דער דאָזיקער פרײַהייט!

פון מויל צו מויל

מענטש,
וואַך אויף
און אָטעם אַרייַן
די נשמה פון מייַן ליד!
איך צעגלי דייַן אָטעם
מיט מייַנעם,
מייַן האַרץ
קלאַפּט אַרייַן אין דייַנעם,
ווי די זון
אין לייַב פון דער ערד.
זאָל אונדזער אָטעם זייַן
אין גלי פון שכינה
געשמידט!
זאָל מייַן געזאַנג
אַרויפפאַרבן אויף דיר,
די הויט פון לעבן —
אין איין האַרצקלאַפּ,
אין איין אָטעם,
אין איין ריטעם,
פון מויל צו מויל...

וואַך אויף מענטש,
איך אָטעם אין דיר אַרייַן
די נשמה פון ליד.

ווייטאָגן זיסע

שפּילפייגל פליִען,
פון שטײַג סטראַדיוואַריוס ;
פידלט דער סמיקשטראַל,
אויף אָדערן־סטרונעס.

מײַן אויער אַ מושלע —
גינגאָלדענע ימים.
רײַסן זיך ספּאַזמעס
פון אַלע שפּאַרונעס.

פּלאַצט צום געבורט אויף,
אַ פרייד ניט געאַנטע,
פון קנויליק געצאַפּל,
אַרויס פון דער תפיסה...

גיט האַרץ מײַנס אַ שווים,
ווי אַ פישל קאַלייריק,
צום פּלעסק פון די סטרונעס —
מיט ווייטאָגן זיסע.

הייב אויף איך די שפּריצן,
באַציקל מיט רייד,
פאַרהעפט מיט אַקאָרדן
צו אייביקייט.

אַזוי צו זאָגן

מײַן ליד איז אַ זייגערל
אָן ווײַזערס
מיט אַ מיני־העמערל וואָס שלאָגט.
עס ווײַזט טאַקע ניט ווי שפּעט עס איז
אַ שטייגער,
נאָר אַ דופּק ס׳פאַרמאָגט.

פאַראַן מוטנע טעג אין קלעם
פון פּענטעס,
ווי שטעכיק פאַרפּלאָנטערט אין דראָטן.
פאַרצי איך מיר וויריקע שורות
ווי לענטעס —
און רעד מיר אײַן אַ מזל געראָטן...

אויב איר ווילט איז מײַן ליד
פּיראַמיד, —
מײַן יאָגאַ אין שלווה געבונדן.
איך עטעם ריטמיש שטיל און שטילער
איבער ליד,
אין אַ תּפילה צעצונדן.

אויפן שפּיץ מעסער

עס ליגן מײַנע לידער אויף אַ קישן פון אַ שאָטן —
ווי אַלטע בתולות.
איך נעם זיי טייל מאָל פון באַהאַלט אַרויס
און איך לייען.
איך קאָן אָבער ניט באַשטיין,
אַז זיי זאָלן צו קיינעם ניט דערגיין!

אַ ליד מוז זיך אָפּשיידן פון באַשעפער,
ווי אַ קינד אַרויס פון טאַטע־מאַמע רינג,
ניט ליגן אין שאָטן אײַנגעקנאָטן
און וואַרטן אויף אַ פּייגעלע,
וואָס זאָל כאַפּן אויף זײַן דיאַפּאַזאָן
די נאָטן...

מוזיק

כ׳האָב פֿאַרשלונגען
אַ טעלערל הימלישע קלאַנגען,
האָבן זיי זיך אין מיר באַהאַלטן,
פֿאַרדעקט מיט אַ וואָלקן.
ביז כ׳בין אַ וואָלקן
אינעם וואָלקן אַרײַן,
פֿון בליצגעשמיד
זענען מיר געוואָרן איין.

און אַט, קומען זיי קריק
די הימלישע קלאַנגען —
אין אַ סטרוניקן רעגן;
צי איך פֿון די סטרונעס
מײַן פֿאַרמעגן.

★

כ׳האָב געזען אַ פֿידל, אַ באַרקע,
וואָס האָט מיטן בויגן
ווי אַ וויאָסלע גערודערט, גערעדט
אין אַ זילבערן וואַסערבעט.

קלאַווישן־געציטער,
פֿליוך, אַ פֿישל גליטשט זיך דורך
מיט אַ גאָלדן קליגגל פֿון עקל, —
קרישטאָלענע שפּריצן,
פֿליושענער שפּראַכגעשאַרך
און איך אין קלאַנגען געהעקלט.

אַ פידל

אין מיטן דער נאַכט
האָט אַ חלום געגעבנט,
געבויט מיר אַ צימער,
פון קאַרטן די ווענט.

אַ מענטש מיט אַ פידל
האָט געוויגלט מײַן שלאָף,
זײַן שטים האָט געציטערט —
אַ פאַרלוירענע שאָף.

זײַן שטים האָט געוויגט זיך
אינעם ליכט פון מײַן אויג,
געבונדן די טענער,
ווי זאַנגען אַ סטויג.

ס'איז איצט שוין פרימאָרגן,
אויפן חלום איך הענג;
מײַן שמייכל מאַכט ליכטיק,
ווי שפּיגלען די ווענט...

פּאַפּירענע דראָטן...

דער קינסטלערין יהודית וואַרשאַווסקי

אויף פינף ווירע־שורות דראָטן
הענגען אויף זיך מאָרגן־נאָטן.
עמעץ שפּאַרט אויף צוימענווענט,
אַ כאָר זינגט אָן אַ דיריגענט.
אַ פויגל פון אַ קופּערשטראַל
וואַרפט אין טאָל זײַן קלאַנגוואָקאַל.
פון יעדער וואַסערל־געפּלויש
טראָגט זיך מיט אַ זײַדגערויש.
שאָטן־קלאַנגען, גרין געשפּין,
פרימאָרגנדיקער אָפּגעפּין.
קיינער הערט זיי ניט, מען פילט
מיטן זענערוו פון געמיט.
סטראָיעט הימל אָן זײַן בלוי
צו אַ סטראַדיוואַר — גענוי...
יעדער טאָן רופט פינגער דין
און נעמט מיך אויף אַרײַן דערין.
אין דעם זינגזאַנג שלווה־צײַט
איך לאָך אַרײַן מײַן סאָלועפרייד!

מײַן אלף־בית

די אותיות פון מײַן אלף־בית,
מײַן ערשטע ליבע איז געווען.
דער ניגון אין מײַן קינדערקרײַז,
ווי קריצן פון געבאָטן צען.

פון די אותיות אין זכרון,
כ׳האָב דעם זינגזאַנג אויפגעפירט;
אויפן פידל מײַנע יאָרן,
ווי אויף סטרונעס מוזיצירט.

איז יעדער אות בײַ מיר אַ קרוין,
אָריגינעלע אָרנאַמענטן —
דעם אָרקעסטער איך באַשטוין,
פון צוויי און צוואַנציק אינסטרומענטן...

אַלטע טעג

דרייען זיך ווײַזערס, טונקעלע מינוטן
און קלינגען אויף ווי אַ פאַרשפּעטיקטער וועקער...
און זיי לאָזן זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרגוטן,
וואָס זשע טוט מען מיט די דערמאָנונג־גלעקער ?

פאַרוואָס קרײַזט אַזוי אַרום שלעכטס און בייז
און דאָס גוטס איז אַ קוואַל וואָס טריקנט, גייט אונטער ?
און וואָס אין געמיט דרייט זיך ווי ווײַזערס אין קרײַז
מאַכט פון מיר דעם טונקלסטן טאָג פון ווינטער.

דער נעכטן איז שוין לאַנג פאַרברענט פון צײַט —
און איך אַ פולע קרוג קאָן דעם אַש ניט לעשן.
דערזע איך דאָס ווײַסע ליכט פון פּאַפּיר, וואָס שנייט,
אײַל איך מיך פאַר אים מײַן האַרץ אויסצודרעשן...

יהודי מענוכין

פידלען סטראַיען זיך אין מיר
און אַ געשטאַלט איך הײַליק.
פון ערגעץ אַ פאַרבאָרגן טיר
קומט דער כישוף אײַליק.

אָט דער ריטער פון מוזיק,
יהודי מענוכין.
אַרײַן אין דמיון הין און צוריק
קומט גנאָדיק מיך באַזוכן.

בליציק טוט זיך מיר אָן עפן,
מוזיק פון ווײַטע שטחים.
נאָר ס׳וועט אַלעמען פאַרבלעפן,
דער סטראַדיוואַר־מענוכין...

ווען איך קאָן סקולפּטן אָט דעם ייִד
און אַ סטאַטוע גיפּסן;
כאָטש ווידמען אים אַ זײַל — אַ ליד,
ווי שטראַל איבער עקליפּסן.

פאַר אָט אַזאַ תענוג־פלאַטער
פון פינגערנע וויבראַציעס;
פאַר אָט אַזאַ קיינמאָל זאַטער
פון נאָטן־קאָנסטעלאַציעס.

פליט זשע ווערטער אָן צו מיר,
מלאכימלעך שאַרמאַנטע;
ס׳וויל שיקן אים אַ שמײַכלגרוס —
אַ פּרוי' אַ גוט באַקאַנטע.

די נאַכט איז טריַ

הימל־לאַכנדיק, פאַרוויכט מיט סאַמעטבלאָ,
ווינקט אַראָפּ צו מיר און ס׳רופט מיך גאָטס געשפּרייט
מיט זילבער לבֿנה־ברעם באַפּוצטער שעה,
זי באַליכטיקט מיך מיט אַ ריח שטערנשפּרײַ.

כ׳פאַרהייב מײַן קאָפּ מיט אויגן־פּײַכטע שטראַלן.
געהיימע פינגער שנײַדן קלאַווישן פון דער נאַכט
מיט אַ ווייכקייט, ווי ס׳שווענקט דעם הייסן ברעג־וואַלן
אַ לויפנדיקער טײַך דורך נאָפּל פון זײַן טראַכט.

גראַציעז געפאַרעמטע מינים ווערעמלעך
אַנטלויפן פאַר מײַן שאַרף פון פוס, ווי פאַר אַ שווערד.
די נאַכט פראַלט אויף פאַר זיי די היילן־שערעמלעך,
ווען דער שפּיגל פון טאָג ליגט שוין איבערגעקערט.

כ׳בין פאַרליבט אין נאַכט, מער ווי אין דעם גאָט־מענטש,
מענטשן טוען דיר וויי מיט קלעפּיקייט פון שלעכט.
כאָטש גיי פרעג דעם שטיין, ווען דײַן האַרץ טויזנט מאָל בענטשט,
וואַקסט פאַר דיר אַ גולם אויס — גרייט צו אַ געפעכט...

צוזאַמענטרעף

איר זאָגט — אַ קעצל ?
אַ באַשאַף וואָס וויינט אָן טרערן,
אָבער אויסגלעטן קאָן דאָס
אַ גשמהדיקן קנייטש.

האָב איך היינט
אויף מײַן גאַנג־מהלך
אָנגעטראָפן — להבדיל
אַ קאַצישן מלאך ;
אַזאַ צוגאָב־געמעל צו נאַטור.
אַ ליאַלקע מיט סימעטרישע קאָלירן
און לאַפּקעס מיט סאַמעט באַצויגן
מיט דופטיקע מימאָזאַ־אויגן.
אַ שוואַרצער שטראַל איר עק,
וואָס ציט זיך פון רוקן־בויגן,
ווי אַ ווײַזער אין וועג.

זי בעט בײַ מיר אויס אַ גלעט —
און ווײַל די שײנקײט פון איר פּעכלט,
גיב איך איר מײַן קנעכל
די סטרוניקע וואָנסע צו שלײַפן...
ליגט זי בײַ מײַן פוס —
אַ פידל אויסגעשטרעקט...
איר פרעגט ?
„צי קאָן אַ קאַץ אַ שליטה האָבן
אויף אַ געדאַנקען־פּלעק ?"
יאָ !
אַט העלט אויף מײַן וועג
פון איר בויגן־רוקן,
אַט אַ קעצל אַ ליאַלקע,
וואָס קאָן דיך דערקוויקן !

מאַנועל דע פאַיאַ

מען דאַרף זיך טיילן
מיט יעדן ביסן פרייד;
פרייד זוכט אויסגעשפּרייט;
האָט זי מיך געכאַפּט אין געשפּאַן!
כ׳האָב געזען פינגער
און געהערט פאַלן קלינגענדיקע
טראָפּנס
פון די פינגער־מעסטער;
יעדער פינגער
אַן אָרקעסטער!

הנאָה־ספּאַזמעס האָבן מיר געציקלט
אַן עכאָ...
ס׳איז גוט צו הערן
ווי צײַט שפּילט צוריק
און ס׳שמייכלען
די קלאַווישן־ציין.

מײַן גומען שלינגט די זיסע
נאָטן־בערעלעך
פון נאָטן־וואַלד.
פרייד צעפּערטלט מיך.
נעם איך פּאַטשן מיט די הענט.
איז מיר דען גענוג?
נעם איך שפּרינגען,
ווערט אַ טאַנץ.
וויל איך מער ניט ווערן
גאַנץ.
די מינוט איך בענטש:
ווי גוט איז זײַן אַ ווײַלינקע
אויס
מענטש!...

אַקאָרדן

הערנדיק דעם קאָמפּאָזיטאָר ראַפּאַצקיס געטאָ־ראַפּסאָדיע
און די סימפּאָניע געווידמעט דער יום־כּיפּור־מלחמה.

ס׳וואָיען קלאַווישן
דעם בראַזג פון מלחמה;
דורך פּײַער־געזאַלפּן
פּלאַצט אויף די קאָרע
פון זאַפּטיקע טענער.

נעמען זיך טענער פּאַרפּלעכטן,
פּאַרקראַמפּן,
און צאַפּלען צוזאַמען
מיט מענטשלעכע קולות
איבער מכשיר־קלאַוויר.

פּלוצעם, גענאָדיק,
דורך שפּאַרע פון לעבן,
דורך געוואַלד און טעראָר
אַ נאָטע — אַ שטיינדל,
שפּרינגט אין אַ טײַכל
און ראָיעט אויף איידל
רואיקע רינגען...

וואַסערלעך רונדע,
פּלעסקען אויס „לעבן".
קלאַנגען געבאָדענע
אין שטערענע טרערן.

זיי הייבן אָן לעבן
אין מושלע פון אויער —
און דעקן, פאַרדעקן
דעם רעקוויעם־טרויער!

★

פינגערנע פליגל
אויף נאַטן געשליפענע,
צער אויפגעפלאַסענער
אין מיר אַ פאַרבליפענע,
פאַרשוואַרצט אַלע שפיגלען.

אויגן פאַרשטייַנטע,
רויטלעך געסטרוניקטע,
סירענעס צעוואָיעטע,
פון פינגער צעזוניקטע
אויף קלאַוויר אין פלאַטער.

כיפור־מלחמה,
אין מייַן דמיון פאַררויכטן,
ס'האָבן פאַרטיליקטע
אין קלאַנג אויפגעלויכטן
פון סימפאָניע־ספּיראַל...

ווערטער איר מייַנע,
אותיות געזאַנגלעכע
אין מוזיק באַלזאַמירטע,
פאַרשוינט, ניט פאַרגאַנגלעכע —
פאַרקריצט זיך אין אייביקייט!

וואַסערשפּיל

עס מעסערן די בערג די קאַסקאַדעס שאַרפן,
ווי וואַסערסטרונעס וואַלטן סטראַיען זיך אויף שטיינער.
גאָט אַליין שפּילט אויף די וואַסער־האַרפן,
וואָס האַסטיקן צעקאַכטע ווי שאַמפּאַניער.

אינעם קוואַלעדיקן ליכט, צווישן בוימערדיקע שוויַיגער,
כ׳ווער צעדריקט פון אַלץ אין איינעם און־באַזונדער.
עס רייצט זיך מיט מיר אַ וואַלקנדיקער צייכן־פרעגער
און האָדעוועט מײַן פּײַן פון ניט פאַרשטיין די וווּנדער.

די לופט איז מילך קיל און גלעט מאַרמאַרעדיק די שלייפן,
פון אַ וואַסער־פּאַלאַץ עפענען זיך שווינדל־טוירן.
כ׳שוועב אַריין און אין די טיפן כ׳ווער פאַרפאַלן,
ביז כ׳ווער אַליין אַ שטיין־שטוינענדיק פאַרפרוירן...

פרוי און האַרמאָניע

כ׳האָב געזען אַ האַרמאָניע
און פינגער זיך צעשפּרינגען
אויף קישעלעך פון קלאַנגען.
פון די קרינאָלינע פאַלדן,
האָט געפיבערט מיט פאַרלאַנגען.
מיט איר קעפל האָט די פרוי
דיריגירט איר האַרמאָניע.
פון אירע אויגן, אירע לאָקן,
געצאַפּלט האָט זיך אַ סימפאָניע.
די מוזיק האָט זיך געריגנלט
אין קינדערישע רייפן —
האָט אין נישט פון מײַן שלאָף,
עפּעס זיך גענומען שלײַפן...

סענעגאַלן־טאַנץ

(ים־ליד)

אַ פֿײַערװערק, צעװיקלט אין מיליאַרדיקע געפֿלעכטן,
כּפֿלט זיך אין גרונטן װי שפּילצײַג אין געפֿעכטן.
װיקלען זיך די ליכטער אין זיגזאַגישע געשלאַנגען —
ס׳האָט געגוּאַ זיך צעפֿעכערט, מיט פֿײַער אויפֿגעגאַנגען.

באַגריסט די ריזנשיף באַשלאָגענע מיט שטערן —
ס׳האַרץ באַװעגט זיך כוואַליענדיק — װי מאַמע בײַם געבערן.
מאָרגן קומט צוריק די שיף אין מאַרסעלעזער האַפֿן,
ס׳איז יעדע שעה מעת־לעתן לאַנג װי דערװאַרטונג איז באַשאַפֿן...

גאָט אַליין זיצט אויף אַ טרעפּל איצט פֿון זײַן הימל־היכל
און בילדלט אָפּ זײַן שטערנליכט מיט ימיקן געשמייכל.
אַרײַן איז הימל אינעם ים מיט סימפֿאָנישע געשאַלן —
און ס׳טאַנצן װילד די װאַסער־געטער װי די סענעגאַלן.

דער טאַנץ שלײַפֿט אויס די פֿיס און עס רויטלען זיך די גלוסטן,
אין האַנטבעכער פֿאַרקלעמען די רונדע עפּלברוסטן
פֿון די אַנטבלויזטע פֿרויען, מיט שװאַרצער שעװעליורע,
מיט שפּיל פֿון בלאַנקע ציינער — אַ פּיאַנאָ־קלאַװיאַטורע...

אַ באַלעט אַזאַ פֿון שטערן שיכּורע און ליכטער,
אַ סענעגאַלן־נאַכט מיט בליץ פֿון ציין אין די געזיכטער.
די לעצטע נאַכט איז אַ שיף צערױשט, צעכוואַלעװעט אין פֿאַרבן,
עס פֿלעכטן אָרעמס זיך אין ראָד אַרום צעטאַנצטע גאַרבן.

דאָס האַרץ גליט אונטער האַמערקלעפּ פֿון װאַרטן פֿון בטחון,
װען נאַכט שװימט אָפּ צום טאָג און מען נענטערט צום נצחון...

כיבוד

ווען דער שלאָף איז מיך מכבד מיט אַ חלום
און שורות ליכטיקע סקולפּטן מיר אַ טורעם,
פּרוּוו איך באַלזאַמירן די פרייד אין מײַנע חושים —
זי זאָל אויף אייביקייט פּולסירן אין אַ פורעם...

ס׳האָט מיך דער באַשאַף אָנגעגאָסן שטויניק פול,
דער שלאָף האָט פון מיר מיט אַ ליד אַרויסגעקוועלט,
ווי דורך ספּאַזמעדיקן הימל אין בליציקן בלענד,
ער שרײַבט מיט זײַן קנאָספּנשריפט, דעם פרילינג אויף דער וועלט.

ווען איך האָב זיך אינטים מיט מײַן ליד איבערגעוועקט,
וואָס קאָן אַזוי אין חלום אַ דיכטער פאַרבלעפן,
האָב איך געמיינט, אַז פון דימענט פון נאַכטיקן ווערק
וועלן הימלישע שליוזן זיך געבן אַן עפן...

ס׳מעג נעסטיקן אמת אינעם חלום־ליגן,
אין אויפקום ר׳ווערט פאַרבלאָסט, די שכינה אויסגערונען
און ליידיק ווערט אין קאָפּ, ווי עס ליידיקן די הענט —
ווען מען האָט עפּעס חלומדיק אין שלאָף געפונען.

אין די היילן פון חלום־וואַר

כ׳האָב געפּילט דעם חלום מיט זײַנע זיבן שלייערן,
ווען די האַנט בלײַערנע חתמעט זײַנע בילדער —
געוווּסט ר׳וועט מיך כאַפּן ווי אַ קינדל פייערן
און פאַרשווינדן ערגעץ מיט מײַן געשריי דעם ווילדן.

וואָס־זשע וועט זײַן ווען פאַרט דער תּכלית פון די־אַ קאָשמאַרן,
וואָס איך מוז אויסלעבן אינעם וואָרן קרײַז?
עס פאַרבלינדן מיך די ווייסקייט־קולוּאַרן —
און בין פאַרקלעמט אינעם חלום־באַרג פון אײַז.

אויף אַ בעטל איינגעווינקלט — אין ווײַסע געוואַנטן,
שטייט אַ קינסטלער איבער מיר פון אַן איבונגצעך.
ס׳איז נישט סתם קיין דיריגענט פון מוזיקאַנטן,
דאָס איבט ער מיט מיר אין מײַן אָטעמדעך.

אַ מענטש קאָן זײַן פיל־אינסטרומענטיק,
אויב ער ווערט געפּרוּווט און אין דעם אַרײַנגעטאָן.
דאָס אײַנפּרעסן די ריפּן איז אַזוי אידענטיק —
מיט די אָטעם־גרוסן פון מוזיק־אַקאָרדעאָן...

אָט קנעט ער מײַן ברוסט מיטביידע הענט און ווערט פאַרשווונדן,
ווען ער האָט שוין מיט מײַן אָטעם־ריטעם אײַנגעקנעלט.
באַלד נעמט ער שפּילן אויף אַ צווייטנס ריפּן־ווונדן,
און שמייכלט, וואָס מײַן בלאָז־אינסטרומענט איז איינגעשטעלט.

די טירן ווינטיקן אויף מיר מיט ווײַסן צוג־געוויטער,
כ׳זיץ בײַ אַ מאַשין, וואָס צייכנט אָטעם־נאָטן,
ס׳גלעקלט אין דער לופט מיט אַ וויבראַציע־ציטער,
פאַרשלינגט די וואָקאַלן — וואָס זענען מיר פאַרבאָטן...

ווערטער צאַפּלען זיך אין מיר ווי פישלעך אויפן זאַמדברעג,
אַזוי אידענטיש ווי פאַרצוימונג אין קאָשמאַר.
האַלט איך שוין בײַם אַריבערשפּרײַזן דעם ים־וועג,
וואָס מײַן לעבן היט אָפּ יעדעס מאָל אַ צווייטער האַר ?

אַן איינפאַל. דאָ ווו כ׳בין גראַמט זיך מיט קאָנסערוואַטאָריע
און הערן הערט זיך אַ מאַקאַברישע מוזיק ;
די מוזיקאַנטן זענען אויך — די אוידיטאָריע,
וואָס זוכט אַ מין שפּילזייגער מיט ווײַזערס אויף צוריק !...

אויפֿן ים

אַ שאָד וואָס כ׳קאָן אין דרויסן ניט אַרויס,
אַ שפּיל טאָן זיך מיט כוואַליעס און מיט ווינט.
כ׳שטיי ביַים פֿענצטער — אַ באַשטראָפֿט קינד
און דורך פֿאָרהאַנג טריפֿט אין מיר אַלץ אַרויס...

ס׳איז די שיף אַ שפּילציַיג אויפֿן גלאָזיקן געוואַל
פֿון ים, און דער הימל דאַכט זיך איז אַ ווייך געוואַנט.
נאָר ווי אין חלום איז צום גאָלד צו קורץ מיַין האַנט,
שלינג איך ביטערניש געוויקלט אין אַ זונענשטראַל...

פּלוצעם כאַפּט מוזיק מיט ווייכע אָרעמס מיך אַרום,
מיט אַלע זיבן אָרעמס פֿון איר „דאָ רע מי״.
שיכורט אָן מיַין האַרץ מיט וויַין פֿון נאָסטעלגי —
ווער איך פֿול מיט האָניק, ווי בין, אין האַרץ פֿון בלום.

ווען איך וואָלט...

מיט קליין־אַרשיניקע טריטלעך
לויפט אַ סטרוניקער רעגן.
זוניק־געשטרייפטע ריטלעך
גלאַנצן אָפּ די וועגן.

ריטשקעלעך שווימען און זינגען
אונטער די פּיַיקלעך פון טראָפּנס,
קריצן אויס גריבלעך און רינגען,
ווי מײַן זייגער צו קאָפּנס...

ווען איך וואָלט געשפּילט אויף קלאַוויר,
כ׳וואָלט די מוזיק מיר געפאַנגען —
קום איך צום שטילן פּאַפּיר
אָפּמעסטן געפילן און קלאַנגען.

נאַכטמאָלער

טיף איינגעוויקלט אין נאַכטיקער הילע
מיט חתימה מיט בלאַסער פון שלאָף,
איך צאַפּל און טרינק אונטער כוואַליעס פון בילדער
אין אַ זאַמדיקן ים אָן אַ סוף.

מיך נעמט שוין פאַרבונדן אַ ווונק פון קאַיאָר,
צי איז נאַכט שוין אַריין אין רעמיזיע?
ווי מיט אַ כּישוף אין וווּנדער געשפּאַנט,
כ׳בין אין קרייז פון אַן אַנדערער וויזיע.

אויף יענער זייט פענצטער אין טונקעלע טלאָען,
אויף מאַגנעטישע שטערן געהאַלטן,
ציִען פון האַרפישע סטרונעס ניגונים —
זיבן ווייסע מלאכים־געשטאַלטן.

די פינגער אויף סטרונעס, ראָיען און צערטלען, —
מיינע ליפּן אַ שמייכל נעמט פאַנגען.
אין אַ זיסלעכן פּיין ווי אין קייטן־געפּענט
איך אַליין ווער אַ קלימפּער פון קלאַנגען.

עס ווינטלט אויף מיר אָן די וואָר מיט אַ חלום,
ווער איך ניגון פוןביידע באַנאַנד.
ווען ס׳שלײַפט זיך דער טאָג אין אַ שפּיגל אַ בלויען,
עס ציט צו מוזיק זיך מײַן האַנט.

אויף יענער זײַט פענצטער אין טונקעלע טלאָען,
אויף מאַגנעטישע שטערן געהאַלטן,
ציִען פון האַרפישע סטרונעס ניגונים —
זיבן ווײַסע מלאכים־געשטאַלטן.

שטימונג-בענאד



שטימונג־געגאָד

כ׳בין טייל מאָל און אָפּט אַ וואַלד אַ געדיכטער,
פול מיִט געזאַנג און לאָגלען מיט ווייַן.
איז וואָס דאַרף אַ מענטש ווען אַליין ר׳איז אַ דיכטער.
ווען ער קאָן הייַזקעס פון פרייד אויפבויען אַליין?

גוט איז מיר דעמלט ווען כ׳קאָן נאָר אַליינען,
איך נעם אויף די מוזע מיִט אָפענער גיריק.
כ׳שטעל אויף מייַנע הייַזקעס אונטער הימלישע שכנים
און איך ווי אַ פויגל אַנטרין טרילילירינק...

★

די לבנה הוידעט זיך אויפן לעצטן זומער־פּאַדים,
פון אַלע רערן פליסט די נאַכט מיט טויזנטער פּחדים.

צוויי יום־כּיפּור־ליכט מײַנע אויגן פאַרן יום־טוב פון טויט —
און איך אַליין אַ צעשויבערטע, צאַנקענדיקע קנויט.

אַ תּפילה, ווער געבוירן און ברעך אויף דעם הימל־ריגל.
פלי אַרויף צום צור ישראל מיט דײַן רעכטן פליגל!

עס טרייסלט מיט מײַן גוף אַן אויפגעיוירענער פון פּײַן, —
נאָר עס קאָן קיין וואָרט נישט אַרויס ווי פון ליפּן פון אַ שטיין.

און אָט שנײַדט זיך אַ פּײַף ווי פון פאַסטעכל מיט תּמימות,
דער נר־תּמיד פון לעגענדע מיט גאָלד־געליישטער חתימה.

דער אייביקער עכאָ־פּײַף אַן אַ סידור פאַר געבעטן,
וואָס ווערטערלאָזע ליפּן האָבן אין אייביקייט פאַרקנעטן...

אַ שיכורער טאָג

אַ שיכורער טאָג
מיט פֿאַרלאָפּענע אויגן.
אויף די חלומדיקע שויבן קלעפּט דער האַרבסט
מיט אַ רינצלהויט באַצויגן.

כ׳האָב פֿאַרזען דעם בלי
און ס׳דרייט זיך ס׳ראָד פֿון פֿאַרגאַנג.
איך קוק צום הימל פֿון אַ וואָלקן געוויגט,
ווי אַ תּפֿילהדיקע זאַנג.

נאַכטוואַנדלערין

אויפן שפּע־שטערנדיקן האָריזאָנט־וווּנדער,
ווו צוויי פּלאַנעטן קושן קאָסמיש זיך צונויף,
האָב איך געגעבן מיך אַ כאַפּ אַרויף
צו דער אײַנגעבויגענער, האַלב רונדער
לבנה־באָבעשי.

ביסט אַלץ נאָך פּראַקטיק אין באַלאַדע אײַנגעבויט
אין אויגנבליק ווערסטו אַ שופר־האָרן.
ס'האָט מאַנגער דיך אין אַ ברויט געבאָרן,
אַ טרייסטערין צו זײַן אין שוואַרצער נויט,
לבנה־באָבעשי.

די היישעריקע וויסנשאַפט, די גיט־דערזאַטע,
האָט שוין אַלץ געירשנט אויפן ערד־געווימל,
נישטערט זי אין פײַערן פון הימל,
לאָזט דעם שטאַמס פון קאָסמאָנויטן־פּיאַטע,
לבנה־באָבעשי.

כ'וועל אַ ליד דיר אָנטון מיט אַ ברכה „תתחדש" —
און פון מיר פאַרטרײַבן די געדאַנקען־וויוגעס.
מיט מײַן עלטער־שוועסטערלס השגות,
כ'בין מיט מײַנע ליפּן דיך מחדש,
לבנה־באָבעשי.

אין האַלבן חלום

ווען ס׳קלינגען די גלעקער פון פרייד,
צעשמעלצן אײַז־טרויעריקע כוואַליעס.
כ׳האָב אַליין אַ פּיראַמידע געגרייט,
ס׳קומט פּלוצעם אַזאַ מין התגלות.

כ׳שפּיל אין מײַן דמיון טעאַטער —
און לאַך צו מײַן אייגענע פאַרגרימונג.
פון זיך אַליין אַ גענאַרטע,
כ׳בין אַ יעגער פון פייגל פון שטימונג.

צום וואָרט־אָפּפירער פון שטורעמס —
געוואָלט האָט דאָך גאָט מיך פאַרקנסן.
בוי איך מײַנע טעג, גיב אַ פורעם,
פון שפּײַכלער פון מײַנע זאַפּאַסן.

טאַפּיצעריע

אַ פֿויגל־מלאך מיט צעברייטע פֿליגל
אין אַ רעמל פֿון אַ פֿענצטער־פּאַציאַטקע,
קוקט אַרויס פֿון איר זילבער־קלאַטקע
און הוידלט זיך אין מײַן געדאַנקען־וויגל...

אויף אַ קאַנווע־נעץ, ווי מוסלין שנײַוווײַסער,
מיט הימליש ניט דאָיִקן פֿעדער־שלייער,
אַ פֿויגל מיט רוח־הקודש פֿײַער,
געהאָפֿטן כ׳האָב — ווי אַ ליד מיט אותיות הייסע.

כ׳פֿלי אַרום מיט אים אין די וועלט־קאַיאָרן,
פֿלינק, ווי מען פֿליט אויפֿן דמיון־העולם!
פֿון מײַנע שענסטע געדאַנקען כ׳פֿאַרטרוי אים
מיט וואָרטלעכע לידערשטעך פֿון זכרון.

זענען צו מײַן טיש געוועזן פֿאַרבעטענע געסט;
וועגט־בילדער באַוווּנדערט מיט וויִעס־געפֿעך —
נאָר מײַן מלאך־פֿויגל מיט די צויבערשטעך,
גאָר־גאָרנישט ניט באַמערקט אין זײַן רעמלנעסט...

אַ גאָלדן האַרץ אויף אַ הימל־טעלערל דערלאַנג,
נאָר ווען עס זעט עס ניט קיינער — איז גאַליק באַנג!

איך בין אַ מויערער

ווען אַ מויערער ענדיקט אַ הויז,
שטעלט ער אַ פֿאָן אַרויס,
אַ סימבאָל פֿון פֿרייד.

אַ ליד איז אויך אַ הויז
און ווערטער פֿענצטער.
איך בין אַ מויערער פֿון הײַזקעס קלענסטע
מיט פֿענצטער צו דער וועלט,
ווו מען זעט
דאָס ווילדע האַרץ מײַנס
אויסגעשטעלט.

קיין פֿענער
שטעל איך ניט אַרויס.
איך רויכער מיך אויס
אין אַ בשמים־פֿענדל
צו גאָט.

ווען אין יעדער ביטערניש
(ווי ס׳זאָגן פֿילאָסאָפֿן)
זאָל האָניק זײַן אַ טראָפּן,
וואָלט די וועלט פֿאַרפֿלייצט געוואָרן,
ביזן סוף פֿון אַלע סופֿן!

טראַכטונגען

נאַכט,
רוישיק באַשעפעניש פון שטילקייט!
דער אַלמעכטיקער דיריגירט אַ רעגנכאָר
מיט מילדקייט —
און ס׳קלינגען די טראָפּנס
אין מײַנע גופישע לאַבירינטן.

די גאַנצע וועלט, דאַכט,
ליגט הענט און פיס צעוואָרפן,
ווי אַ קינד
און שלאָפט.
ווען איך בין וואַך —
און וואַך אין מיר איז יעדע שעה,
וואָס איז דאָ און — ניטאָ.
מײַן געדאַנק גייט זייגערדיק
הין און קריק;
דער זייגער בלויז אַהין...
באַלד וועט דער פרישער טאָג
זײַן אַן אויפגעקומענע פאַרגאַנגענהייט
און רײַסן יוגנט־בלימלעך
פאַר דער עלטער...

און איך וועל ווידער אַ כאַפּ טאָן די זון,
אין מײַן שפּיגל פאַרבעטן —
און וועל מיט אַלע מײַנע מוסקלען,
דער וועלט אַ שמייכל קנעטן.

און דאָך...

איך בין דער סכום פון דורות,
אַ צווייַגל פון שטאַמיקן שויס.
פון אַלע טעאָריעס און תורות,
כ׳באַשטוין אַן אייביקע רויז.

די רויז איז דאָס ייִדישע פאָלק,
מיט בלוט איז באַטריפט ווי מיט טוי.
ביסטו איינציק דערפאַר מייַן פאָלק —
ווי אַ קלעטערפלאַנץ געננוי.

מיט שטערנקאַרב פון חריפות,
מיט קריץ אויפן האַרצן: „שדי",
דער אות פון אַלשייטערס, מגפות,
און דאָך — עם ישראל חי!

צײַטמאָטיוו

געווידמעט דער קאָסמאָנויטן־מאַלפּע, באָני

באָני, האָט מען גערופֿן די מאַלפּע צום עקספּערימענט,
חלילה ניט דורך לוסטמאָרד, זי פֿאַרשפּאַרט צווישן שרויפֿנוועגט.
די האַנט פֿון וויסנשאַפֿט איז אַ צירקל אויף מײַלן לאַנג, לאַנג,
דאָס אויג אַ שטרעקע־קאָמפּאַס צום מעסטן דעם ציל צום דערלאַנג.

האָט מען דאָס נפֿשל באָני געהימלט אין סכּנה,
אפֿשר צום װוּנדערשפּרונג פֿון אַ מאַלפּע אויף דער לבֿנה?
אינעם גאַלאַקסיע־שטח, צום שפּיל מיט די שטערן־ניסלעך
און קאָלערן דעם לבֿנה־באַלעם מיט הענטלעך — פּיסלעך...

דער הימל איז שוין ניט פֿאַר אים... נאָר אויך פֿאַרן מענטשנקינד,
וואָס וויל צו לבֿנה־שכירות ציִען די מאַלפּע און רינד. —
ניט אָפּמאַלפּעווען איר לעבן אויפֿן פּלאַנעט פֿון דער ערד,
נאָר אויף אַ וועלטנרום איז באַניס לעבן געווען באַשערט.

האָט זי אויסגעחלשט אין בענקעניש אירע מעת־לעתן,
פֿאַרגעסן איר שטאַם און אַז זי איז באָני אויך פֿאַרגעסן —
און די קאָסמאָנויטן־מאַלפּע, די שײנע באָני, באָניע,
איז אַראָפּגעשטאָרבן אויפֿן ערדפּלאַנעט אין אַגאָניע.

דער מענטש איז אויך אַדורך מיליאָנען שטאַפּלען און געפּעכטן,
ביז דער מדרגה אַ קלענערן פון אים צו פאַרקנעכטן.
דערוואַקסן איז מענטש שוין די ערד מיט הימל פאַרגאַנצן,
אין העלדן־געוועט וועט פריער דאָרט ווער פאַן זיין אײַנפלאַנצן...

אבלט ס׳גרויסע רחמנות־האַרץ פון דער וועטעראַנער וועלט,
איבער דער מאַלפּע באָני, דעם ניט דערפלויגענעם העלד. —
אַזוי ווי ס׳וועט קיינער ניט רייכערן פאַר איר קײַן בשמים,
שענק איך איר אַן אָרט אין מײַן ליד, לזכר איר נשמה.

דו אַליין

מאָראַל איז ניט קיין ווערעמל אַ באַזונדער,
וואָס פויזעט אין דייַן וועלט־אָרגאַניזם;
מאָראַל איז גראָד דער גאַנצער לעבנס וווּנדער,
דאָס ביסטו אַליין — דייַן גאַנצער הומאַניזם!

טוסטו אַן עוולה ווען, פרעסט דיך גייַסט, נשמה, —
ווי עס צופּט אַ ציג פון דר׳ערד אַרויס די קראַפט.
דער קלענסטער גאָדלשטאָך פאַרלייגט זייַן שטעכל־צאַמען
די גלאָקן טרייסלען פון דייַן לייַב און לעבנסזאַפט.

איין וואָרצלקרייז איז די חכמה און באַצווינגער,
קיין זאַך דרייט זיך ניט אַרום אין דיר אַליין.
ווי יעדעס בעגעלע איז געבונדן מיט דייַן פינגער,
איז יעדעס הערעלע פאַרקנופּט אין דייַן דאָ זייַן.

דער ווײַנגאָרטן

אויף אַ פעלד ווי באַצוווּנגען מיט שווײַגן,
אַ גאָרטן פון טרויבן זיך צעפּלען.
ביימלעך — מנורות־געצווײַגן, —
ווי בײנער אַרטרעטישע קריפּלען.

אַ גערטנער — דעמב, דיקלעך געפּעסלט,
אַרבעט אַרום אַ צעפּלאָמטער,
ער גרייט צום געבורט און ער טעסלט
און ציט צו די זון אַ פאַרזאָמטע.

איך גיי דאָ אַדורך אַ פאַרווירטע
און שטעל מיר זיי פאָר אַזוי גוטיק
די טרויבן, אין בלוטן צעפּירטע
מיט ווײַן אויפגעלאָפן זיסבלוטיק.

לאָקן מײַנע פינגער דעם אָנריר
פון אַ צעהויקערטער ווײַן־אַנאַטאָמיע,
ווען כ׳בין אויף דער שוועל פון מײַן טיר,
איך טראַכט פון דער הילצערנער מאָמיע.

געפּאַנצערט אין קאָרענע שופּן,
געסטראָיעט אין בינטן פון טרויבן,
צעהאָנגען אויף סטרוניקע ריפּן,
וואָס בעטן דעם גערטנער צו לויבן...

בײַם פענצטער

פֿאַרנאַכט,
ווען ביימער־בלעטער
ווערן אומרויִק געדרייט
מיט ווינטגעבלום
פֿון צוויט,
שטיי איך אײַנגעפענצטערט
ווי מיט קיט,
פֿאַרגלאָצט אינעם געוויג;
קרום,
ווי אַ שוואַכע הײַזקע.

ס׳באַפֿאַלט מיך
אַ בייזער שווייס
אויפֿן ווינט.
מײַן אויערנערוו איז געסטראָיעט
צו גאָטס קוזשניע,
וואָס בלאָזט אַרויס
די שטערן
אויפֿן הימל־גאָבעלין.
אָנגעצונדן ווי אַ קין,
קײַע איך געדאַנקען
אין זיך פֿאַרצייניקט;
ביז איך ווער אינטים
פֿאַראייניקט,
הויך,
ווייט,
העט,
העט, —
אַ מיקראָ־פּלאַנעט...

רבונו של עולם

האָסט אויסגעשכלט דיר אַ וועלט
און האָסט זי אונדז אַוועקגעגעבן.
ס׳וואָלט יעדער מענטש געהיט דײַן ליכט
שטאַרבט מען אָבער אין מיטן שטרעבן.

ס׳וואָלט יעדער שיפן זיך געבויט,
ווו נעמט מען ימים אַזוי פיל ?...
האָסט אויסגעקליגלט אייביקייט,
אונדז — פעלט אַ ווײַלינקע צום ציל...

אויפן מיסט פון יעדן פעסט
וואַקסן מאָנסטערס אָן אַ שיעור,
פון אַלע וויסטע וועלדער ס׳בייז
שפּאַרט צוריק אויף אַלע פיר...

עס שפּאַנט די צײַט און אַלץ געשפּאַנטער, —
פּלאַנעט־באַצווינגערס בויערן הייכן.
ס׳איז דער אָדלער אונדז מקנא —
נאָר ליגן ליגט אין דר׳ערד דער תּוכן...

צו וואָס מען גערט, צו וואָס מען שטרעבט
איז אַלץ קאַפּויער צום פאַרבליפן.
אַזוי שרײַבן שטערן אויף פאַרמעטנאַכט
מיט לויכטנדיקע היעראָגליפן.

וואָרטסאַפּיר

האָסטו ערגעץ שוין באַגעגנט
אין גרינעם שווײַגן פון אַ פּאַלמע,
אונטער שפּריי פון רעגן־שטראַלן
פּסאַלמען ?

האָסטו ערגעץ שוין באַגעגנט
אונטער אַן איבערבעט פון שטיין,
אַ וואַסערפאַל וואָס לאַכט אַנטקעגן
דײַן גיין ?

האָסטו ערגעץ שוין באַגעגנט
ווי אויף אַ פליגל פון זעפיר,
אַ מחנה פייגל זיך צעזעגנט
מיט דיר ?

איך האָב זיך אַליין באַגעגנט
מיט אַ גאָלדענעם פּאַרמאָג, —
אין מײַן מויל איז הײַנט געלעגן
פרײַטאָג...

ראָמאַנס

ווען איך וואָלט אַ פֿייגעלע זײַן אויף דער פֿרײַ,
וואָלט איך אין באַגין דײַן פֿענצטער באַזונגען.
איך וואָלט אין מײַן שנאָבל אַ זאַנג דיר געבראַכט
און וואָלט אויף דײַן דאַך זיך אַ נעסט מיר געמאַכט.

אוי, ווען ס׳וואָלט אַ פֿייגעלע זײַן מיר באַשערט,
געזונגען כ׳וואָלט אויך אין דײַנע חלומות,
כ׳וואָלט דיך געוועקט, פֿאַר דײַן ווינע געפֿליגלט
און וואָלט מיט אַ זונזאַנג דײַן אויג אויפֿגעזיגלט.

און וואָלט איך אַ פֿישל אין וואַסער געווען,
וואָלט איך פֿון דײַן אויג מיר מײַן טײַכל געמאַכט.
געווען וואָלט איך נאָנט צו דײַנע פֿאַרלאַנגען
און זיך געלאָזט אין דײַן ווענדקע מיך פֿאַנגען...

וואָלסטו כאָטש געווען אַ פֿערעלע קליין,
וואָלט איך מיט מײַן גלוסט געקאָנט דיך פֿאַרשלינגען. —
נאָר וואָס טויג מיר אַ באַרג, וואָס גייט איבער וועלט,
וואָס טויג מיר אַ ראָמאַנס — ווײַט פֿון מײַן העלד?!

טריאָלעטן

װען דײַן שטים האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט פֿרייד,
האָט אַ ליכטיקער טאָג אַרויסגעשנייט,
צווישן סמאָליקע וואָלקענע צוימען.
ווי דער באַריר פֿון אַ שאָרשנדיק זײַד,
האָט אַ שמייכל אַ גלעט געטאָן געשמייד —
אַ שמעקנדיק וואָלקנדל אין רוימען.
ווען ליכטיקער טאָג האָט אַרויסגעשנייט,
כ׳האָב מיך ימיק אָנגעהויבן שוימען...

★

דער שליסל צו דעם קאַמער פֿון מײַן האַרץ,
אַ סימבאָל פֿון דרײַ ליכטיקע טראָפּן.
ס׳איז קלאָר ווי דאָס אייגנס פֿון ווײַס און שוואַרץ,
אַז דער שליסל צום קאַמער פֿון מײַן האַרץ
האָסט געפֿאַנגען ווי אַ קינד אַ פֿאַרנאַרטס...
כ׳בענק צו דיר, זענען די ווערטער־שקלאַפֿן
פֿון דעם שליסל צום קאַמער פֿון מײַן האַרץ,
דער סימבאָל פֿון דרײַ ליכטיקע טראָפּן.

*

מײַן ליבע געבויט האָט פּאַלאַצן,
מיטן פּוך פֿון דער נאַכט זיי פֿאַרדעקט.
ס'האָט קײנמאָל געלאָקט קײן דערשאַצן.
די ליבע וואָס בויט אויף פּאַלאַצן,
טייל מאָל ווי באַלאָנדעלעך פּלאַצן
און לאָזן אינעם האַרצן אַ פּלעק.
נאָר ליבע בויט אויף זיך פּאַלאַצן,
כ'האָב דאָס ניט די ערשטע אַנטדעקט.

★

איך האָב קיין לאַגער ניט פון ווערטער־צניעות,
ס'וואָרט טראָגט אַרויס פון יעדן טונקעלן באַהאַלט,
דאָ שטערט דאָך כ'לעבן גאָרניט קיין מניעות,
צו טראָגן ליבשאַפט דיר פון פאַרטאָגן אין די שקיעות.
צי דאַרף איך שעמעוודיק פאַרשליסן מײַנע ווינעס
און אַנטלויפן אין אַ טונעל ווערטערוואַלד ?
איך האָב קיין לאַגער ניט פון ווערטער־צניעות,
מײַן וואָרט איז אָפן און אין אמתן געשטאַלט.

טריאָלעטן־רויז

די פּיוואָניעס האָבן אָפּגעבליט מײַן פֿריידלינג,
דאָס פֿײַלעכל פֿון זון שלײַפֿט אַן אַנדער רויז.
פֿאַר דײַן שמייכל איז אַ נעסט פֿאַרגרייט מײַן יונגלינג,
מײַן טראַכטן שיט זיך אָפּ ווי בלעטלעך פֿון אַ רויז.
עס שיט זיך אָפּ, ווײַל ווערן וויל דערפֿון אַ לידלינג,
פֿאַלט אויפֿן פּאַפּיר די פֿאַרוואַנדלונג פֿון אַ רויז. —
ווי וואָלט איך שטיפֿן איצט געוואָלט ווי אַ מיידלינג,
נאָר ס'ווערט דער ווילן בליִען אין אַ טריאָלעט־רויז.

די בין

אויף חלומדיקע בלומען־בײַטן,
קומט די בין אויף אַ שטראַל צו רײַטן;
די כיטרעטשקע בין!
אין נאָפּל־ראָזעטקע גיט זי אַ בויער
און זומט דער בלום אַ סוד אין אויער;
זי זומט איר צעלאָפּאַן־ליד
און נאַשט דעם נעקטאַר־פּאָלין,
די כיטרעטשקע בין!
אַזוי גיט זי דער בלום דעם קאָפּ אַ פּאַרדריי —
דער פּוקס לעבט אויך אין דער בין־שמייכלעריי...

אַדרעסן־העפט

פאַר רחל אייזנבערג־ראַוויטש

אין יעדנס עלטער שפּילט די סטרונע צום פאַרגאַנג.
מען וויל ניט זען די שעה און ניט הערן דעם קלאַנג...

אַ מענטש האָט געלעבט און פון רעגיסטער אַרויס —
איז עס ווי מיט אַ פוס אינעם האַרצן אַ שטויס.

מײַן העפט איז שוין אַלט — אָפּגעמאַטט ווי אַ שפּיגל,
נאָר נאָענט, אַזוי נאָענט מיר — ווי אין אים כ׳זע מײַן זיגל.

אַ רעזידענץ, אַ טעמפּל מײַן אַדרעסן־העפט,
דער פאַרמעגן פונעם גאַנצן אותיות־באַטרעף.

שרײַבערס פון אַלע קאָנטינענטן און לענדער,
זענען מיר הייליק ווי זייערע ספרים־בענדער.

אַ מענטש האָט געלעבט און געשריבן מיר בריוו,
אַרײַן איז ער אין מײַן האַרצן אַרכיוו.

כ׳טראַכט: ווען ליגן כ׳וועל אין די ערדישע נײַן איילן
און די בריוו לאָזן ווי פון מײַן לעבן טיילן;

כ׳וועל בענקען ווי נאָך מײַנס אַ צעהאַלבטן אבר
נאָך בלעטלעך פון בריוו, ווי נאָך צערטל אַ קבר.

דעם מענטשן איך זע דורך דער פּריזמע אַדרעסן;
אים אויסמעקן, דאָס הייסט זיך אַליין פאַרגעסן.

אַזוי האָט דאָך אַ האַנט אַ קלוגע פֿאַרשריבן,
„זאָלסט ליב האָבן יענעם ווי דיך דו טוסט ליבן".

אַ בוך שטייט אין שאַנק אַ ייִחוס באַזונדער.
זײַן נאָמען אין העפֿט — זאָל אַ פֿלעמל זײַן צונטער!

שנײַדט זיך אַ ציטער — נאָך אַ קאַרב אויף מײַן פּנים,
עס זאָל אויך ניט פֿאַרמעקט זײַן מײַן שטערן־נאָמען.

ס'אויג ווערט שוואַרץ — אַ ליקוי חמה אין צאָמען —
אַדרעס בלײַבט אַדרעס און זאָל לעבן דער נאָמען!

דער גײַסט פֿון אַ נאָמען צו מיר ניגונט אַרויס,
זינגט וועלט איז אַ וועלטל — איז וועלט־אײַן און־ וועלט־אויס!

ס'מעג יעדער פֿאַרגעסן, געדאַנק מעג פֿאַרטײַען,
אַ שטריך אויף אַ נאָמען — דערמאָנט אין די רייע...

פֿאַרוואָס זאָל אונדז פּלוני אָפּגעשיידט ווערן?
ער מוז אַ ליכטיקער בינדשטריך אונדז דאָך געהערן.

דערפֿאַר וועט מײַן העפֿט זײַן נאָך דיקער אין בלעטער,
אַז לעבן זאָל טרינקען די וואָלקנס פֿון עטהער...

ווערטער פֿון לײַב און לעבן פֿאַרצײַען ווינדווייען —
מיט געשלאָסענע נעמען אין לעבנס אַלייען.

שפּין ווײַטער...

איך ווייס ניט צי כ׳וועל מיך דערוואַרטן,
כאָטש דאָס איז דער זינען פון זײַן;
וואַרטן איז דער פוקס וואָס גענאַרט דיך, —
ווי דעם פויגל מיט זײַן שמייכלערײַ...

אַ, הייליקע שעה פון דערוואַרטונג,
שטרעק אויס מיר דײַן גנאָדיקע האַנט,
אַרויספיר פון טעג מײַנע האַרטע,
אַרויף צו דעם זיכערסטן גאַנג.

אויף וויפל עס העלט אויף די נאַקעט
מיט האַרץ פונעם ליד אויף דער האַנט,
אַ ליד ווי אַ סוד אַ צעאַקערט
וויל קומען צום מענטשנס פאַרשטאַנד.

שווער איך, נאָך פול איז מײַן ברונעם —
און וואָס אין מײַן רעיון זיך פיטערט,
די רעשט כ׳לאָז פאַר אײַך דאָס צו שפּינען
מיט אייגן־געדאַנקלעכע פליטערס...

די מאָרגנס

כ׳קאָן קיין מאָל דעם מאָרגן ניט פֿאַרזאָרגן,
דער מאָרגן איז אַ טיפֿער טאָל פֿון צײַט.
ווי אין וואַלד געדיכטן ליכט ווערט פֿאַרבאָרגן,
אַזוי איז דאָס מאָרגנלאַנד פֿון מיר ווײַט...

מיט די ליכטיקע שליאַכן פֿונעם הײַנט,
מיט אים ווער איך נאָענט ביז אינטימקייט
און מיט שעהן פֿרייד־גאָלדענע באַקריינט,
ווען דאָס שענסטע אויסשווײַגן וויל שטומקייט.

אָט גלעט די לופֿט מיט מימאָזאַ־פֿינגער
און טריקנט די לאָגלען — מײַנע פּײַנען,
אינעם פֿייגלכאָר אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער זינגער —
איז גוט מיר מיטן בוים אַליינען.

צו מײַן קינדס קינד

אַלע צאַרטע טרוימערײַען
שענק איך דיר, מײַן קינד,
פלינקע הירשן.
וואַרף מיר צו די קרישקעס
פון דײַן שטראַלנדיקער יונגשאַפט,
וואָס קלעטערט צום שפּיץ
פון דײַנע טרוימערײַען.

כאָטש סתּירות נעמען זיך אין מיר
צעשרײַען,
זיגט די לערערין — צײַט —
און לערנט מיך זיצן אויף אַ נידעריק בענקעלע,
ווי אַן אבל
און קוקן,
ווי פון בוים פון מײַנע טרוימען,
פלייצן די לעצטע געלע בלעטער —
ווײַל די ערד וואַרט אויף זיי.

דער טרוים
וואָס האָט אויפגעריסן צום געבורט,
איז ווי דער טאָג
און מוז אַוועקחלומען צו שקיעה...
אין יעדן אָנהייב טאָגט דער סוף,
נעם איך דעם סך הכל אונטערצײַען,
קוקנדיק מײַן קינד
צו דיר אַרויף!

וואַרף מיר צו די קרישקעס
פון דײַן שטראַלנדיקער יונגשאַפּט.

טייל מאָל

אין פלאַמען פון ווילן צעברענט,
אַ וווּנדער צעפירט מײַנע הענט.
דעם טאָג איך בלוי אויס מיט אַ זוים,
אַרײַן כ׳העפט אַ וואָלקנדל שוים.
נאָר בין זעלטן צופרידן פון זיך,
מיר דאַכט כ׳טראָג צום טאָג ווייניק ליכט.
מײַן טראָט ווערט אָפט פויל אויף אַ שפּרײַז,
יעדן גאַנג איך באַטראַכט פאַר אַ גרײַז.

קריך איך אין שלאָף אין געאײַל,
באַהאַלט מיך ווי אַ בער אין זײַן הייל.

ווי דער בוים אונטער האַרבסטיקער זעג,
שיטער ווערט דער וואַלד — מײַנע טעג.
די צײַט שלינגט, פאַרשלינגט מײַן פאַרמאָג
און בערגלט זיך אויף טאָג, אויף טאָג. —
זאָל נאָר וואַקסן און גרינען מײַן פלײַס,
איידער ס׳ווערט גראָז פון מײַן גײַסט.

מימאָדראַמע

כ׳האָב הײַנט געזען
שטומע פֿרויען דרײַ,
הערן מיט די אויגן
און שווינדלען מיט די הענט.
אַ ספּעקטאַקל פֿון מימיק,
מיט צוקנדיקע מוסקלען
און טאַנצנדיקע פֿינגער.
יעדער פֿינגער,
אַ קלאַנגלאָזע צונג!

מיט טומלדיק גערייד,
האָבן זיי דאַכט זיך
שטומערהייט
אין אַ זאַק פֿאַרקויפֿט
די גאַנצע וועלט...

און שיין זײַנען זיי געווען,
לויטער פֿרייד!

פֿאַרכטיקע טעג

דער הימל איז נאָך ראָזע־וואָלקנדיק און ימיק קלאָר,
דער ווינט רוט אין די גראָזן און אין שוים פֿון יעדן פּלאָנץ.
ס׳הענגט דער טאָג איבערן טאָג ווי אַ בלאַט אויף אַ האָר
און עס קלאַפּט מײַן זייגער אויס אַ קאָסטאַניעטן־טאַנץ.

ס׳שלאָפֿט נאָך האַרבסט, געהיימע פֿינגער פֿידלען אָפּ די בלעטער,
צעוואַרפֿן זיי און פֿאַרקנעטן אין דער ערד צום יערן. —
פֿונקען תּפֿילות רײַסן אויף אין דער הייך און העט־העטער,
די פֿיר ווינקלען פֿון דער וועלט זאָלן זיי דערהערן.

ס׳בלאָזט זיך אויף דער טאָג אין אַ כלה־ווײַסע מוסלינקלייד,
און אַ רויטער בלאַט מיט אַ שפּעט־זומערדיקע פֿרייד,
ווי אַ פֿינגערדיקע לײַכטע האַנט וואָלט מיך געבענטשט.

דער האַרבסט וואָס קאָסעט אַראָפּ די שטערן איינס נאָך איינעם,
כ׳וועל מיט ליד זיי אָנצינדן, זאָלן ווידער שײַנען, —
ווי דער טויט אין חלום שײַנט־אויף — לעבעדיק פֿאַרמענטשט.

ס'קאָן זײַן...

ס'קאָן זײַן אַז אַמאָל װען זײַן כ'װעל ניט מער,
װעסט אַרײַן אין ליד װי אַ קערן אין דר'ערד.
און אַ װוּנדער באַשלאָגן װעט דיך מיט באַדױער,
װאָס ניט רײַף איז געװען דײַן אָפֿענער אױער.

איך װיל ניט אָפּצײלן פֿאַר דיר דײַנע יאָר.
איך פֿיל, אַז מײַן ליד װעט דאָך װערן דיר קלאָר;
װעסט לײענען פֿאַר דיר און װעסט לײענען בציבור —,
װי איך פֿלעג דיך צײלן װי שטערן אין חיבור...

האָסט קײן מאָל אין טיף מײַנע לידער פֿאַרשטאַנען,
זײ זענען געהאָנגען פֿאַר דיר װי טומאַנען.
כאָטש לײַכט װי אַ שפּונט פֿון שאַמפּאַניער געשפּרונגען,
איז געװען יעדער ליד, װאָס כ'האָב אױסגעזונגען.

צי װעט עס פֿאַר מיר אָבער האָבן אַ װערט,
װען שלאָפֿן אָן חלום כ'װעל גלײַך מיט דער ערד?
צי קאָן אַ פּאָעט דען אין גאַנצן ניט װערן?
װען דו װעסט מיך ניט זען — װעל איך דיך דערהערן...

פון אונטער מײַן האַרץ

פון אונטער מײַן האַרץ אַפּער,
טראָגט זיך מײַן ליד איבער װעלט,
װי אַ טױב אַ באַפרײַטע
פון אַן ענגן געצעלט.

אין דעם ענגן געצעלט
נעסטיקן טױבן לרוב, —
צעפליִען זיך איבער װעלט
און ליבן זיך װידער צונױף.

★

אָ, גינציקער
ליבלעכער טאָג,
מיש אױף דאָס בלאַט
פון שחרית
און בלױ אָרױף
אַ תּפילה אױף מײַן שױב
װעל איך מיך אָנטאָן
אין אַ גאָלדן געמיט —
און עטעמען מיט שלװה
דאָס שחרית־ליד.

★

אָפּט שטיי איך בײַם פֿענצטער
און פֿיבער אַרויס
צו אַלע האָריזאָנטן.
איך טראָג מיך
הענד און פֿענד —
און מעלה־גרה מײַן אָטעם
פֿון די פֿיר ווענט.

★

עפֿן אויף אַ פֿענצטערל פֿון דײַן האַרץ,
וועל איך דאָרט אַרײַנמורמלען מײַן ליד.
אויפֿכאַפּן וועלן כוואַליעס פֿון דײַן בלוט
און דאָס אַרײַנזידן אין דײַן געביין
וועסטו קנעטן אין שפּאַן פֿון אַ חלום,
ווי ס׳חלומט דער בוים פֿון די רינגען.
פֿליסן וועט אַ שמייכל פֿון דײַן פּנים,
ווי אין פֿלעכטקלעם פֿאַרליבטע פֿינגער...

עלטער

אַן אַלטער מאַן אין גאַס אַליין
פּירט אום שפּאַצירן זײַן עלטער.
די איידעלע הענט אויף רוקנביין,
אויגן — צוויי טיפע קעלטער.

זײַן בגד ווי זײַן הויט געפּאַלבט,
עס גייט זיך אַ זאַק מיט ביינער.
אַזוי מיט עלעגאַנץ געזאַלבט
באַרירט ער קוים די שטיינער.

כ׳קוק אויף לבנהס פּאַרהענגל,
ווען כ׳שפּאַציר דעם מאַן פאַרביי.
פּלוצעם, מיידלט זיך מײַן גענגל
מיט לעצטער קאָקעטעריי.

שאָרכן צוויי סילועטן זיך,
ווערט אַ שאָטן־פּאַנטאָמימע.
עס ווערטלט בלויז דער סקריפּ פון שיך
און ווערט אין נאַכט אַנטרינען.

ווען ס׳קלינגט דער שטערן־אַנגעלויף,
אָנפּילן די ליכט־באַטעריעס —
טרעפן מיר ביידע זיך צונויף,
פאַרשלאָסענע מיסטעריעס...

געוויטער

אין צימער איז שטיל ווי אין אויער,
עס קלאַפּט אין מײַן טיר געוויין.
כ׳ליג צו צום דרויסן מײַן אויער,
דער ווינט שלאָגט זיך קאָפּ אין אַ שטיין.

אַן עסיקער רעגן בײַסט אײַן זיך,
גריזשעט ס׳נאַקעטע לײַב פון דער ערד.
אַליין ווי משוגע ער שמײַסט זיך
מיט די לאַנגע צעגאָסענע בערד.

די לעביקע שטערן פון אויבן,
האָבן וואָלקנס אין נעץ געפּאַנגען.
עס פויסטן די ווינטן אין שויבן,
ווי עמעצער וואָלט זיך געהאַנגען.

די ווינטיקע ווילדע מכשפות,
מיט נעגל די גראָזן צעקעמען.
די ביימער האַלטן אָפּ אסיפות,
ווי אַזוי דעם ווינט אײַנצונעמען...

ווער פירט מיך?

פון דעם פונקט,
פון וואַנען כ׳בין אַוועק,
צו עפּעס אַ הויכן ציל,
טרעפט,
אַז איך פאַרליר מיך. —
אַנגעטאָן אין גאַסן־קייטן,
לויף איך הין און קריק
און פרעג ביי לייטן
מיט פאַרדראָס —
ווער עס האָט פאַרשפאַרט מיך
אינעם גאַסנשלאָס...

איך לויף הין און קריק
און זוך,
ווי ע מ ע ץ וואָלט צעוואָרפן דאָ די בריק
און אָפּגעמעקט דעם ציל...

און פלוצעם,
פון אַנגסט אָפּגעשווייסט, —
אויפן אייזערנעם רוקן
פון מיין ווילנפרייַנד,
איך רייט
אין דער ליכטיקייט אַרייַן...

מיט ראָזנפעלדס ליד

ווי אַ פישל אין טײַך שווימט אַראָפּ און אַרויף,
מיט אַ וואַל פאַרגעניגנט און די טיפן צעשרויפט,

אַזוי שווימען אָן לידער ווי פישעלעך רויט,
פון אַקוואַריום פון מוח — אַרונטער דער הויט.

באַלד ציט זיך די הויט מײַן מיט רינצעלעך אָן
און אַ קלינג טוט אין אויער אַ קאַמערטאָן...

כ׳מוז אײַנגראָבן ס׳ליד אין דער טיף פון געדענקען,
די כוואַליעס פון טאָג זאָל דאָס ליד ניט פאַרשווענקען.

גרינגפיסיקער טאָג ווי אַ הירש אין גאַלאָפּ,
וואָס וואַרפסטו מיך, שלײַדערסט פון די הויכן אַראָפּ?

וואָס טוסטו באַגינען פון מיר רײַסן די דעק,
וואָס בײַטשסטו מיך זייגער מיט די ווײַזערס און וועקסט?

און פאַלט אָן דער אָוונט צינדט אויג אָן אַ טרער,
ווײַל יעדער באַוועג ווי אַ שילדקרויט ווערט שווער...

בײַ נאַכט קומט דאָס ליד נעמט מײַן מוח דורכשלײַפן,
און פלינק ווי אַ גנב מײַן שלאָף אַדורכפײַלן.

ווען ס׳פּלאַצט דער פאַרטאָג ווי אַ וואָלקן אויף מײַן קאָפּ,
איך וואַך אויף מיט ראָזנפעלדס ליד פונעם שאָפּ...

אַ מיצווה...

מיט צווייערליי רעזערוון, צווייערליי מדרגות,
גוטס און בייז פירט מיט זיך דער מענטש זײַן צווילינג־הויקער.
לערן זיך לאַכן און שפּײַען —
ווי דער בלאַזן אין משה לייבס „גאַסן־פּויקער״...

מען קען יעדן אומרו פאַרשלעפּן מיט אַ ווילן,
אויסבילן דעם ייִאוש און אַ דיבוק פאַרהאַנדלען,
אויף דער מוזיק פון ראָסיני —
און טרערן אויף זילבערנע רענדלעך פאַרוואַנדלען.

ווען טריבע הימלען קאַלטע, דריקן אויף דײַן געמיט —
און די נאַכט ספּאַזמירט אויף אירע ווייען און ברומען,
פאַר זײַן זיסן וואַטע־בערדל
נעם אַ וואָלקן — אַ נס פון צוקער אויפן גומען...

אַרויף אויף טרעפּ פון צײַט עס יאָגן זיך די שעהן.
פאַרגלײַכן קאָן מען דאָס צו אַ שיף אויף כוואַליעס,
צי אויף יעקבס חלום־לייטער —
נאָר אין יעדן טאָג, זע לויטערע התגלות.

צי פאַרלאַנגט דען דאָס פאַרטיפונג און באַזינונג?
מאָרגן קאָן פון גאָטס בוים שטראַלן יונגע בליטן
און ווי גליווער־אומעט אויף פרייד,
וועט ווידער נאַכט אויף מילכטאָג זײַן אויסגעביטן.

דער אינהאַלט פון שטימונג

ווי ווײַכערדיק שנעל די שטימונגען לויפן
און קליידן זיך איבער —
אויף אַ זײַדענעם וואָלקן
דער טאָג איז געבוירן
און פאַרלעשט זיך אין פיבער.

עס וואָיעט דער ווינט ווי אַ פאַרלאָזענער הונט
און קלאַפּט אין מײַן טיר.
אויף מײַן וויזיע־עקראַן,
עמעץ טאַנצט אויס זײַן פּײַן,
ווילד עקזאַלטירט.

מיט פינגערנע ביינער אַ האָגל זיך שיט
איבער מײַן פענצטער. —
עפּעס ווער איך בײַ מיר
נאָך קלענער ווי קליין,
ווי דאָס גרעזל דאָס קלענסטע.

באַגערן

ברייט איז מײַן ערד מיט באַגערן,
אַ הימל־מאָזאַיִק פון שטערן.
ווי עמעץ בײַם האַנט וואָלט מיך פירן
אַן שוועלן אין אָפענע טירן.

עס זענען די טעג בערג מיט נײַגער
אין דער וועלט פונעם ריזיקן זייגער,
ווו דאָס אייביקע ווערק מיט די שרויפן,
איז אין אייביקן ראָד פון אַנטלויפן.

ווי טאָג דורכן טראַכט פונעם הימל,
ווי פרוכט וואָס וועקט אויף זיך פון בלימל,
ווי דאָס ליכט פון די געטלעכע רערן,
מיך שפּאַרן, צעשפּאַרן באַגערן.

ווי בוים, מיט באַגערן — איך רייפל,
יעדער טאָג איז מיט נײַע געכפּלט. —
איך פלי אינעם פּענט פון פאַרלאַנגען,
מיר דאַכט כ׳בין צום ציל שוין דערגאַנגען.

מײַן חלום כ׳פאַרב אָפּ מיט קאַיאַר,
איבערגיס אים אין טעגלעכער וואָר.
מיט אים כ׳פּלאַסטער אויס מײַנע וועגן
פאַרשליס אים ווי מײַנס אַ פאַרמעגן.

ווי וואָלקן צו זון ציט אין גלוסטן,
אַרויס כ'וויל פון חלל דעם פוסטן.
איך קאָך נאָר אין טיגל באַגערן —
צו עפּעס אין אייביקייט ווערן.

אין שלייער פון חלום־געוועבן,
איך האַלט אין אַרייַנבלאָזן לעבן;
איך לעב ווי פאַריונגט פון בטחון —
און בלי אינעם שפרונג צום נצחון.

געטאָ־יאָרצײַט

חען די שעה פון רו פאַרנײַט בײַ מיר די װיִעס,
קומען די נשמות היימישע פון מײַן משפחה.
זיי באַװעגן זיך פאַרמענטשטע — אַ נס, אַ ישועה
און אין מוטנעקייט פון חלום בליצט־אויף אַ בטחון...

איך פיר מיט זיי אַ שמועס בלויז מיט שטומע זשעסטן;
זייערע ציינגער זענען קלאַנגלאָז אַזוי װי װאַטע.
איך צייל זיי, פרעג אויף נעמען פון ברידער און שװעסטער
און איך װאַרט פון אַנגסט פאַרקראַמפּט אונטער קאַשמאַרן־קראַטע.

עס פּלאַצט מיר דאָס געדולד פון ניט קאָנען זיך דערװאַרטן
אויף חוהטשע, די עלטסטע שײנהייט פון מײַן ברודער.
אַלע דרעמלען אויף די בעטן פאַרשמאַכטע און פאַרקװאַרטע —
און מיך כאַפּט אַ ספּאַזמע־שלאַנג, צװאַנגט אײַן מײַנע גלידער.

ס'האַרץ העשעט אַ קול אַ פרעמדס — אַן אויסגעשעפּטער ברונעם.
פון מענטשן װערן װאָלקנס, צעשװומען איבער מײַנע בליקן;
ביז איך קום צו זיך, איז די נאַכט שוין אויסגערונען.
אין מײַן קאָפּ דרייט אַ מיל פון נשמות אָן אַ תּיקון.

צי פאַראַן נאָר איין אויסװעג, װאַכן װי אַ שומר.
װאַכן איבערן שלאָף, װאָס קומט זיך רייצן און מיך נאַרן;
שטיין אויפן שװעל פון חלום און דעם װעג פאַרצוימען
מיט נעגל, און ניט דערלאָזן דעם טעראָר פון קאַשמאַרן?

דער דיכטער שלאָפט

(צום טויט פון ה. לייוויק)

ווי ס׳וואָלט בלויז אַ וויזיע געווען,
אַ שנייִיקע ווײַסע טאָפּאָלע;
כ׳האָב לייוויקן איין מאָל נאָר געזען
פאַרגײַסטיקט ווי צען אַפּאָלאָנס...

ס׳האָט טויט זיך פאַרשטעלט אין אַ דאָרן
און ברענט, באַלד אַ וואַלד שוין פאַרברענט...
ה. לייוויק ליגט אויך שוין אין אָרון
מיט גלײַכגילט צום הימל געווענדט.

נישטאָ באַלד קיין פּערל אין דער קרוין,
עס כאַפּט זיי דער גנב די קראָ —
עס גלאָצט לייוויקס גולם און שטוינט,
אַז ס׳איז אויך זײַן גאָט מער ניטאָ.

מיט נאַכט נעמט פאַרהילן די שפּיגלען,
פון זייגער די צונג רײַסט אַרויס —
לייוויק שטראַלט שוין אין שכינה־פליגלען,
אויף זײַן קאָפּ בליט אַ שטערן — אַ רויז.

איך רעד צו מיר

גיי זאָג דעם האַרץ,
עס זאָל ניט אַריבערקלאַפּן
אַלע זייגערס,

אַז דערוואַרטונג
איז דער דופק אויף בערג
ווען דו שטייגערסט...

גיי אַנטקעגן מיט גלייַכגילט
דעם שטראַל פון פרייד,
פּאַמעלעך דייַן געלויף...
ס׳קאָן אַלץ דיך נאָך טרעפן
אויפן לעצטן טרעפּל
פון דייַן אַרויף...

וויינערמיל



זייגערמיל

דעם אָנדענק פון דער שרײַבערין האַלינאַ עדעלשטיין

מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ די טעג,
ווי דער זייגער קלאַנגען.
יעדער טאָג מיט זײַן פאַרמעג
פאַלט אונטער צײַט־פאַרהאַנגען.

עס זייגערט ס׳האַרץ אין רינג פון צײַט
צום העמערל פון טענער.
ס׳יאָגט דער מענטש מיט אים פאַרצווייט —
פאַלן יאָרן־שפּענער.

אין זייגערס קלאַפּ אַרײַנגעדרייט,
אין אַזאַ שפּיל פאַרגיכטע,
ביז מען פאַלט אַרויס פון צײַט,
צעמאָלן אין געשיכטע...

★

דער טאָג האָט פון זייגער דאָס אויג צוגעמאַכט,
די ווײַזערס פאַרלאָשן ווי שטראַלן.
איבער האָריזאָנט שיפט אָן זיך די נאַכט
און ס׳קלינגט שוין מיט שטערן־סיגנאַלן.

עס פאַלט שוין ניט מער ווי זילבער די שעה,
ווי ס׳בלוט וואָלט אים אויפגעהערט פליסן.
איך זינק אין מײַן שטול ווי אַ שטיין אויפן דנאָ
און שטילקייט הייבט אָן מיך פאַרגיסן...

די הענט מײַנע שלאָפן מיד אײַנגעדרייט,
אַ פוילקייט פאַרשלינגט מיך פאַרצערט.
איך הייב אָן פאַרלירן די אַנונג פון צײַט,
פון מײַן האַרץ איז דער ריטעם צעשטערט.

די ווײַזערס וואָס האָבן באַוועגט זיך־באַפעלט,
געשאַרט האָבן ס׳גאָלד פון דער צײַט.
איז ליידיק אין שטוב ווי אַ מענטש וואָלט געפעלט.
איז ליידיק — דער זייגער שטייט.

דאָס שענסטע גליק

ס׳טראָגט יעדער מענטש אין זיך אַ האַס,
דעם וואָס רופט זיך מלאך־המוות. —
איך דריי אַרום מיך פּוסט און פּאַס
און מאַך פון אַלעם מיר קאַטאָוועס.

עס גלוסט מיר רײַטן אויף אַ בוים
און מעסטן וועגן, מײַנע שאַטנס. —
מעת־לעתן ווערן איין שעה קוים;
מײַן גאַנצע וועלט אַ הימל־גאָרטן.

ס׳איז פרייד, צעקאַכטער וואַסערשטויב,
און קאָן דאָך ים־שלוזן אויפטירן!
איך זוך אַ שטראַל דורך בלויער שויב
און שטעל צונויף אַ כאָר קאַלירן...

דאָס שענסטע גליק ליגט אינעם הײַנט —,
דער נעכטן איז אַן עליו־השלום;
די צײַט צעמאַלט אים מיט די ציין,
אין יעדן נעכטן שטאַרבט אַ חלום!...

וועלף...

אַ גאַנצע נאַכט
האָבן געדאַנקען מיך געשטאָכן
ווי בינען פון אַ צעשטערטן בינשטאָק.
עמעץ האָט אַ ריר געטאָן אַן אַלאַרם־גלאָק
אין מײַן זכרון־קעלטער —
און כ׳האָב גענומען אַרויסרופן
אַ סטאַדע וועלף פון וויסטע וועלדער...

אַלע קרעכצן פאַרבויטע,
אַלע נעכטנס טויטע
האָבן זיך צעפלאָשעט אין מיר
מיט בלוט־פינטלדיקע אויגן.

נעבן מיר
האָט אַ וואַרעמער אָטעם געזועגלט
אַרויף און אַראָפּ
אויף דער ימיקער נאַכט —
נאָר איך בין געזונקען אַליין,
אין טיפן גרונט אַ שטיין.

די לבנה האָט איר קרוין
צו מיר צוגעבויגן,
ווען איך פונעם קישן פאַרלוירן,
האָב זיך פאַרמישט
מיט די שטערן־וועלפישע אויגן...

★

דער שטאַרקסטער מענטש
איז אייביק שוואַך.
ס׳קאָן אַ קליינער חלום — אַ שנעק,
דיר געבן אַ שטויס און מאַכן וואַך.

מײַן פּולער, צײַטיקער שלאָף
האָט ניט פֿאַרדײַעט די שטילקייט.
ווען ס׳האָט מײַן זייגער אויפֿן קרעדענץ
זיך אָפּגעשטעלט,
איז זײַן פּולס אין מיר אַרײַן
אין אַ האַסטיקן קאַדענץ —
און מײַן צימער איז פֿאַר טויבע אויערן
אַ שרײַענדיקע וועלט געוואָרן...

ווען נאַכט האָט זיך פֿאַרלאָשן,
כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט פֿאַרדאָרבן —
און אַלץ דערפֿאַר, וואָס מײַן זייגער,
געזונט און פֿריש
איז פּלוצעם געשטאָרבן.

אין שפּאַן פון זייגער

דער זייגער טאַקט שפּענער פון טעג און פון נעכט,
צוויי שווערדן די ווײַזערס ווי אין אַ געפעכט;

זיי פעכטן די צײַט אין געלויף אין גאַלאָפּ
און פירן דעם מענטש ווו צו שטעלן דעם טראָפּ!...

זיי שיילן און לופּען פון אונדזער פאַרמעג
און שנײַדן די שעה און פאַרמעקן די טעג.

טייל מאָל וואָלסט אַ שטערן געגעבן זײַן גרייט,
אַ בליץ זאָל אַדורך — דאָס דערוואַרטן פון צײַט.

ווען ס׳רוישט אין דיר פרייד ווי צעקאָכטער שאַמפּאַן —
ביסט פרײַ פון דער צײַט ווערסטו לויז פון געשפּאַן...

ווי לאַנג נאָר דער טאָג טוט דיר אָן זײַן געבאָד,
אַ שרײַפל דו ביסט פון אַבסורד אין זײַן ראָד.

דאַטעס

דער דיכטערין רחל בוימוואַל

דויערנדיק זיס און ביטער צו הערן דײַנע געזאַנגען.
גוט איז צו לייענען „אַ שליסעלע״, וואָס עפנט תהומען ;
צערוקט די שווערע קראַטן־געהאַנגען.

ס׳קאָן די ערד בלויז געבן דערויף אַן ענטפער, מער קיינער,
צו געפינען אַ פאַרגלײַך, ווי טיף ס׳קאָן זײַן מענטשלעכע פּײַן,
די ערד ווו ס׳וווינען בשכנות שטיינער.

ס׳איז אפשר ניט גלײַך, ניט שטעלן קיין דאַטע אונטער לידער ;
מען דאַרף אפשר אויך בײַם באַשאַף צייכענען די שעהען
פון דעם גאַנצן מעת־לעת־געשילדער ?...

די טעג זענען אַנדערש, פונקט ווי אַנדערש ס׳זענען די שעהען.
נאָר אויב דעם דיכטערס געדאַנק איז באַהאַנגען מיט קייטן,
ווי איז שוין מעגלעך דאַטעס צו בײַטן ?...

דער פידל-זייגער

כ׳האָב אַ זייגער אין פאָרם פון אַ פידל,
מיט אַ ווייַזער אַזוי ווי אַ סמיק.
צעלאָזט זיך די שעה מיט אַ לידל,
פליסט אויס זיך די צייַט אין מוזיק.

ער האָט אַן אָרקעסטער פון שרייַפלעך
מיט אַ גאָלדן טירל פאַרשטעלט.
אַלץ איז דאָרט אייַנגעשטעלט שכלעך,
פאַרן קאַפּעלמייַסטער דער וועלטס...

שפיל זייגער מיט ראָד פון דער צייַט, —
כ׳וועל טרויען דיר מייַנע פאַרלאַנגען
און בענטשן דאָס הענטל וואָס זייט —
די ברכה פון קלאַנגען.

שפּילצײַג

כ׳האָב קנאַפּ זיך געחברט מיט שפּילצײַג און ליאַלקעס,
פֿאַרכאַפּן זיי הײַנט מײַן געמיט.
מײַנע פּופּעס געווען זענען הילצערנע גאַלקעס —
אין חלומות כ׳בין געוואַקסן, געבליט.

גאַנץ יונג געמוזט שוין אויפּקניפּן די זאָרגן
אינעם שאָטן פֿון וואָכיקער גרוי —
און אַליין זיך פֿאַרבינדן צום גראַם פֿון פֿאַרזאָרגן
פֿאַרלאַנגען האָבן אויסגעברענט ווי שטרוי...

כ׳האָב פּלוצעם גענומען מײַן לעבן באַפּוצן
מיט ליד, וואָס דער יתום האָט געוועקט;
אויף דעם אָרט גענומען מײַן ווינקל אויסשניצן
און מיר מײַן אייגענעם הימל אַנטפּלעקט.

ביז הײַנטיקן טאָג געפּאַנצערט מיט יאָרן,
שפּילעכלעך כ׳באַוווּנדער מיט שטוין.
כ׳וואָלט נאָך גערן דעם טאָג אין שפּילצײַג פֿאַרלאָרן
און טראָגן אַ ווײַל פֿון קינדהייט די קרוין!

שיריים

אַ ביימל צעבליט כ׳בין מיט קנאָספּן,
אונטער שלעסלעך פון ליפּן זיך רייפן.
ניט יעדער קנאָספּ וועט אַ שאָס טאָן
פון די שטראַליקע צווייגן, —
ס׳ביימל איז צום ליד דאָ פאַרמאָסטן.

פון טייל פאַלט דער תוכן צעשטערט,
פאַרמשפּט צו פאַלשע בליטן,
בלויז צו פאַרשמעלצן די ערד...
קרעפּטיק וועט ווערן צעצוויטערט
די פרוכט וואָס צום לעבן באַשערט.

אָט נעם איך דעם כיבוד פאַרגרייטן
מיט זעלטענע לידער־אַנטיקן,
מיט מתיקות פון קינדערקייטן, —
צום כיבוד צו קומען זיך קוויקן,
כ׳פאַרבעט אויך די חשובסטע לייטן.

און ווער ס׳וויל זײַן האַרץ נאָר אויפטײַען,
צום ליד זאָל זײַן אויער אָנבייגן
און נעמען וואָס ער קאָן פאַרדײַען
און לאָזן די רעשט פאַר די פייגל,
פון געזאַנג מײַנס כאָפּן שיריים...

אַ שפּעטער גאַסט

דורך דער ווינטערדיקער שויב כ׳קוק
אויפֿן פֿרילינג, און וואַרט פֿאַרטראַכט.
ער קומט פֿון זיבעטן הימל איך גלייב,
נאָר די הימלען זענען פֿאַרמאַכט.

שניי־העראָלדן קומען צו רייטן,
אָנזאָגן אַז דער פֿרילינג קומט;
עפּעס האָט אים אין וועג געשטערט,
מסתמא דער נערוועזער ווינט.

פֿאַלן שנייעלעך בלענדן ד׳אויגן —
פֿאַרשטעל איך זיי ווי ליכט מען בענטשט,
איין קאָליר מיט שטערן־פֿאָרמען,
ווי יעדעס פּנים פֿון אַ מענטש.

כ׳וואַרט און וואַרט אויפֿן פֿרילינג דאָך
און קוק און קוק מיר ד׳אויגן אויס.
כ׳עפֿן ס׳פֿענצטער, רײַסט זיך אַריין
אויפֿן דיל אַ שנייאיקע רויז.

ניין, ניט קיין רויז, אַ געלער בלאַט,
אַ טרוקענע אָדערן־האַנט.
איך הייב זי אויף און איך באַטראַכט
און זע זי איז מיר באַקאַנט...

זי שאָרכט אַ סודותדיק געבעט —
און איך קוק ווי אַ כיראָמאַנט;
קוק אינעם אָדערן־געוועב,
ווי אין אַ גייַסטיק־קלוגע האַנט...

גיב איך ס׳פענצטער אַ צעפּראַל,
ווי פּאַר אַ פויגל צו דער גאַס.
דער שניי איז אויס, דער פרילינג גלאַנצט
און איך באַגריס דעם גאַסט!

פון וואַנען די טעג ?

ווער ס׳האָט שוין אין די האָר געהאַט קאָלטנס פיר
און ווער דעם שליסל פאַרגעסן האָט אין טיר,
אומזיסט געבײַטשט געוואָרן פון אַ רעגן
און געלאָפן אַ בייזן טאָג אַנטקעגן,
דער וועט זיך מיִען און וועלן פאַרשטיין,
אַז יעדע מינוט קאָן אַ קראָפּיווע זײַן.

פון וואַנען די טעג וואָס פאַלן דיר צו,
וואָס פליקן צו בינטעלעך האָר פון דײַן רו,
וואָס בײַסן זיך אײַן אינעם האַרץ ווי מיט ציין
און וואַרפן אויף דיר אַ וואָלקן — אַ שטיין ?
אַ שטיין וואָס הויקערט דיך נידער געבויגן
און שטערן ברענען מיט וועלפישע אויגן.

כ׳זע איצט אַ פרוי — אַ מומיע פון טרויער,
איר מאַן איז שוין מיטן אמת פאַרמויערט...
ס׳האָט אַ הונט זי געלעקט מיט לאַפּע געטרייסט.
ווער איז די פרוי וואָס אין מײַן דמיון זיך ווײַזט ? —
עפּעס אַ צעמישונג טונקלט מײַן געמיט,
דער הונט וואָס לעקט די ווונד איז גראָד מײַן ליד...

ווערטער

עס איז מיך היינט באַפאַלן אַזאַ עונג ווערטער,
זיי פליגלען אַרום מיר מיט אַ פייערדיקן גלוסט. —
דאָס זענען אפשר בינען צו אַ בלום באַגערטע,
וואָס קלעפּן זיך צו מיר ווי צו אַ רויזנברוסט.

אָט ווערן גאָר פון ווערטער ריטעמדיקע אינדן
און האַסטיקן צום אויער מיט אַ פערלדיקן קלאַנג.
זיי שטראָמען און זיי צאַפּלען — ווי פישעלעך געשווינדן,
פאַרוואַרף איך זיי אַ נעץ ווי אַ פישער דעם פאַנג.

ס'קומען אָפט מאָל ווערטער ווי בלומען אויסגעצערטע,
נאָר איך ווי אַ בלומען־נאַשער גיי אין זיי אַריין.
קוואַלן נייַע שטראָמען ווי פון בריסטן אויפגעיערטע,
שלאָג איך פון זיי אַ נייַעם זינגענדיקן ווייַן.

און טייל מאָל שפּאַרן ווערטער נאָגנדיקע, הייסע,
פאַרצוקן מיר דעם שלאָף ביזן לויטערן באַגין.
איך אַ שטומער גליווער איבער בלאַט אַ צוקער־ווייַסן,
פּרוּוו דעם האָניק שפּרייטן ווי בין פון בלומפאָלין.

פאַרוואַנדל

פאַראַן מטבעות, וואָס קלינגען ניט,
דער ווינט קאָסעט זיי אַראָפּ,
די מטבעות פונעם ביימערגאָב.

די צײַט דרעשט זיי אין איר זייגערמיל —
אַ זעמלמעל פון שוואַרצערד...
נאָר אַ גערטנער קאָן דערפון דעם ווערט.

די ערד ירשנט דעם קאָסמישן טויש;
אין איר מלכותדיקע גרויס,
כפלט זי דעם אוצר אין איר שויס.

און מיר אַלע, זעמדלעך נישטיקע,
אַ קורצע שליחות דאַרפן דאָ אויספירן:
אַקערן און עפענען צום אוצר אַלע טירן...

אַ מענטש

ווי יעדער בעל־חי,
אַ מענטש קומט צו גאַסט
אין דער וועלט
און פאַרדינט
די מיט
פון אייביקייטן צוויי...

עפנט זײַן קינדיש אויג,
אַ טײַכעלע
אַ ווײַסבלוי.
צעבליט זיך,
פאַרמענטשט זיך —
אַ גלאָבוסל
אין פּנים פון דער ערד;
אַ גלאָבוסל
מיט אַ ליכטיק פּענצטערל...
קנאָספּיק,
פרוכטיק,
צײַטיק.

ביסלעכווײַז
פאַרצערט אים
יעדער
פון די פיר צײַטרײַבערס:
די קאָסע פון ווינטער,
די קאָסע פון פרילינג,

די קאַסע פון זומער
און דער אָסיען
נעמט אויך זיַין חלק.
יעדער וויַיזער
שניַידט אַ שטיקל פּאָסל,
נאָר ס׳נעמט דער מענטש אַמאָל
פון לעבנס־שייַער
דאָס זאַפּאַסל...
פאַרגלעט געהיימע האַנט
דער גנב פון דער צייַט...
שלאָף
און ווידער
אין לעבן זיך אַ כאַפּ.
אַזוי רעדלט מען אַרום
דעם שטאַם
און אַ גוטע אייביקייט דיר וועלט;
אַרויסגעפאַלן
פון זייגער־מעכאַניזם
און אויסגעוועפּט
אינעם ריח פון צייַט.

טייל פאַלן גאָר אָט אַזוי:
ווי פאַלשע בליטן
פון אַ בוים,
טייל פאַרשניטן
פון מלחמה־שגעון!
דער — פאַר הרגענען,
יענער — פון פאַלן,
מענטשן ווערן מעטאַלענע מעדאַלן,
אַז עס פלאַצט די גאַל פון דער ערד
פון דעם גאַנצן סדר הוועלט.

גוואַלד,
ווען מען גיט אַ טראַכט,
אַז פון גאַנצן פּליים
מיט יעדנס מי פאַרשווייסט
איז יעדער מענטש
אינעם גאַנצן געווימל
איין — אַליין,
וואָס דרייט זיך
ווי אַ ראָד אַרײַן
אין דער אימפּעריע
פון ניט זײַן
און ווערט אַן עפּעס
פון די היעראָגליפן
פון אחד —
וואָס דאַרף מיליאַרדן יאָרן
אויף גאָרניט צום פאַרשטיין.

גערדאַנקען

װען מען פֿאַרטראַכט זיך אויפֿן קורצשפּאַניקן לעבן,
קומט ניט װילנדיק זײַן צװײטע העלפֿט — דער טויט אַנטקעגן.

אַ מלאך־שטאַפּעט פֿליט אָן פֿון גאָלדענע טויערן,
גיט אַ שנעל מיט דער בשורה — אַ מענטש איז געבוירן.

דער מענטש איז דער קנויל פֿלייש, די פֿויסטלעך פֿאַרמאַכט,
װאָס געשטויסן מען האָט מיט געװאַלד צו לעבן אין שלאַכט...

פֿון די גרונטן פֿון פֿינצטערניש, פֿונעם בלוט געלאַנדט —
מיט דעם װעלטל אײַנגעקלעמט אין יעדער פֿון זײַן האַנט.

װערט איין לעבן ערגעץ־װוּ אויף דער ערד צו אַ שטיין,
װערן אַנדערע געכפּלט אויף נײַנציק מאָל נײַן.

אַזוי שוין אויסגעשכלט די װעלט פֿון בראשית לאַנג,
פֿון װידערקלאַנגען זאָל אייביק נאָך בלייבן אַ קלאַנג.

פֿאַראַן אַזוי פֿיל װיסנשאַפֿטן װאָס ענדיקן זיך מיט דער „לאָגיע“.
אויך געטהע האָט ניט פֿאַרשטאַנען קײַן אָרניטאָלאָגיע.

און װער קאָן אַלע חיות, פֿייגל, זייער לעבן און באַשפּײַז
מיט אַלע חן־גריבלעך װאָס דער ערדקרייז אונדז באַװײַזט ?

איז מען טועם װאָס ס׳לאָזט זיך, נאָר אַ טיילעכל אַ קליין,
און דאָס װײַטערע פֿלייסן זיך אַנדערע דערגיין.

דער פון וויסנשאַפט פאַרלוירענער אומבאַקאַנטער,
לויכט ערשט נאָכן טויט ווי אַ שטערן אַ בריליאַנטער...

דער חכם אַדיר ווערט פון אייגענעם ווײַן איבערברענט,
דער עושר גיט אָפּ זײַן עשירות מיט אָפענע הענט...

דער פילאָסאָף פון משה לייב האַלפּערן האָט זיך דערטרונקען
אין זײַן אייגענעם דענקקוואַל — צום גרונט איז געזונקען.

ס'איז דער קערן פון לעבן אַן אַבסורד, ניט געמאָסטן ניט געוויגן,
נאָר ווער האָט אויסגעטראַכט דעם פּסוק: „שערבלעך אויף ד'אויגן" ?

פון דור צו דור

כ׳וועל דאָ אויסשניצן פון כאָר פון אַלע אמתן,
ווי מײַן פאָטער זײַנע האַלצשניטן מיט אַ מייסטל דרײַסטיק. —
אַ צוואה אויסשלאָג פון געשאַנק פון די מעת־לעתן,
דורכגעלויכטן פון הייליקע חלומות גײַסטיק.

כ׳וויל ניט פאַרגראַמען מיט קײַן טונקעלען וואָרט קײַן האַרבן,
ווען כ׳וועל זײַן ווי יעדער צוגענאָגלט צו דער וואָר —
ס׳האָבן לידער מיך געגערט ווי דעם מאָלער פאַרבן
און איך געצויגן קלאַנגען כ׳האָב פון יעדער וואָרצלהאָר.

ווינטש איך מיר, ווען ערד וועט עטעמען דורך מײַן געביין,
איבער מײַן הימל־בערגל — אַ בינטל לידער אָנשטאָט בלומען —
און דווקא די ריינסטע, וואָס זענען אין דרוק ניט אַרײַן,
זאָלן באַלזאַמירן מײַן גוף און מיר זײַן זיס צום גומען.

וועט אַ פויגלישער מלאך זײַנע פליגל צעקרייצן
און אַ כאַפּ טאָן אויף זײַן שנעבל פון מײַן ירושה ;
פון מײַן גרינער שווײַגעניש וועלן קלאַנגען פלייצן,
אויף אַוועקצושענקען דער אין אין־סוף קדושה.

חלומות

אַ גאָלדגרינער בליצשאַרף פון אַ בוימס פּנים,
אַן איַינגעשפּאַנטער צירקפערד אין מײַן חלום,
אַ פּאַראַדע נאָך אַ לוויה־וואָגן,
אַ געפּוצטער מלבוש מיט גײַסט באַשלאָגן,
אויך אָקסן וואָס קניִען און שאָף און רינדער
און נאָך אַזעלכע, אַנדערע שטוינוווּנדער
מיט אײַזערנעם גלויבן פון דעם־אָ פּאַרמאָג,
קומט אַן מיט טריִומף זיך פּאַרקליידן דער טאָג.

און טאָמער חלילה אַ שטן — נאַכאַל,
שנײַדט אָפּ שטיקער פליייש אין אַ יאַטקע אַ שטאַל
און בלוט טריפט און פּאַרגיסט מײַן חלום מיט שליַים —
לאָמען אַן געסטעמפּלטע טעג שוין מיט פּײַן.
קעפּלעך קרויזן מיט מלאכישע צויטן,
אַ בונט געוויקסן אין חלום־שויטן...
און ווײַל איך מוז דאָס פון מיר אויסשײַערן,
קומט ליכט פון געדאַנק דאָס אַרויספּײַערן.

איצט וועלן שטורעמס מײַנע טעג ניט בלעטערן, —
„אין אַלע וויסטע וועלדער זאָל עס קלעטערן"...

די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון מאָלער

מײַן צימער איז אויפֿגערוימט
און פֿאַרקאַמט איז מײַן טיש
מיט פֿאַעטן־נעלקעס.
ווער עס האָט זיי אויסגעטרוימט
ווייס איך ניט.
איך ווייס נאָר
אַז מען קאָן זיי איבערזעצן
אין קלינגענדיקע קוואַלן
פֿון מוזיק.
ווי שיין די קנאָספּן־ניסלעך,
עפֿנען זייערע פּיסקלעך.
יעדעס בוקעטל מיט זײַן שמינקע,
יעדער בלימל־קרינאָלינקע
מיט ציינדעלעך
באַזוימט.
שוימט זיך מײַן פֿרייד
אין די בלוטיקע קאָלירן,
וואָס פֿינטלען די לופֿט
און די שעהען מיר פֿאַרצירן.
קלעטערט מײַן באַוווּנדער
פֿון חושך צום באַנעמען,
נאָר ווי אַ רײַזשלאָס
ציין פֿאַרטשעמען.

זאָל איך אפשר זאָגן,
זומער־פלאַטערלעך —
מעת־לעתיקע
האָבן זיך פאַרנומען
צו ווערן בלומען? —
און אינעם גילגול־ראָד
פון ווידער ווערן
דעם בלומענשטויב צו זייערע פליגלען
אַרבן?
אָט, דערקאָנט מען דאָך
די זעלביקע לעבנס־פאַרבן!
אַלצאיינס.
פאַרצווייפלונג פון אומוויסן,
זענען אַלע שאָטן־חתימות
וואָס פליסן
פון צענטראַלן פונקט...

די שילדקרויט

אַ שטיק לעביקע ערד פון דער ערד
מיט אַ פֿאַנצערשילד אויפֿן רוקן,
קנעט זיך די שילדקרויט אַ וועגל,
צום גאָרטנס גן־עדן־אַנטיקן...

זי פֿאַרצערט די סאַלאַט־בוקעטן
מיט זילבערנעם קעז פֿון אַ וואַזע. —
אַ ציקל חדשים זי חלומט
אויפֿן ביסן פֿון עולם־הזה.

ווען ס׳רוישן מײַנע פּיס און כראָמקען
די סטרולקעס, פֿון גאָרטן־שטיינדלעך,
ווערט זי אַ קנויל אונטער פֿאַנצער
מיט אַלע אירע נערוון און ביינדלעך...

האָב ניט מורא, כ׳בין ניט קיין יעגער,
כ׳בין ווי דו פֿון עפר ואפר;
כ׳האָב ניט קיין ביקס נאָר אַ פּעדער
און אַן אָרט פֿאַר דיר אין מײַן ספר.

ווי וויל צו דעם אייביק וואָס קאָן זען,
ווי אַלץ ווערט מיט שכל געענערט. —
ווער ס׳האָט דעם שליסל צום הימל,
און ווער ס׳האָט דעם אוצר פֿון דר׳ערד...

רײַס דיך דורך

װען ס׳בלוט פֿון לעבן טריפֿט פֿון בלעטער,
הער װי װאָגלװינט באַװײנט עס.
פֿאַל צו דער ערד דער פֿאַרטרערטער, —
צו הערן פֿרילינגע אַנדאַנטעס.

רײַס דיך דורך דער שטײנערנער װאַנט
פֿון שעהען, ציִענדיקע באַלאַסטן.
לאָז דיך פֿירן פֿונעם װילנס האַנט,
װי ס׳שנײַדן דורכן װינט די מאַסטן.

ס׳גײט אין דעם צו קאָנען צװימען
אַלע שאַטנס פֿון דײַן פּחד —
און הונגערן נאָך נײַע טרוימען,
מיט װאָר זיך אײנסן, זײַן מתיחד.

דער הײַנט און מאָרגן — נאָר צװײ בריקן,
און די פֿאַרבינדלערין — די צײַט.
שכל אױס דיר אַ נײַעם תּיקון,
אין װאָרצלשטראָם פֿון אײביקײט.

דער לעצטער אות

כ׳האָב ליב אַלע אותיות
און פֿײַנט דעם לעצטן אות —
ס׳איז סוף
און אויף אים קוקט מען שוין
פֿון אונטן אַרויף...

כ׳האָב אויך פֿײַנט
מעסיק,
מיטל,
קלייגלעך.
אַלץ, אָדער גאָרניט!
ליב האָב איך
בלענדיק־בלינדיקע נאָכט.
ווײַל ס׳גייט אויף פֿון איר
דער אָקעאַן פֿון ליכט.

אומעטום קאָן מען גאָט געפֿינען.
אין שטילקייט־געצעלט
פֿון מעדיטאַציע,
אין שפּיגל פֿון וואָרט —
אין אַ פּרעגצייכן —
דעם שפּיגל
פֿון אייגענעם פּנים...

אַן אַטאָם־שפּליטער
מענטשן־ליבע,
איז מער ווי חכמה! —
ווי אַזוי קומט מען צום דערגרייך
צו זײַן ביידע גלײַך?

פרי האַרבסט

כאָטש דער האַרבסט איז נאָך אונטערוועגס,
זענען ביימער אויסגעבלעטערט,
אָפּגעבלעטערט,
שטייען ווי סלופּעס
מיט נאַקעטן לײַב צום ווינט.

די זון איז געפּאַנצערט אין אַ וואָלקן־שובע
און ס׳זינגט דער האַרבסט אין דער רינווע־טרובע.

טראָפּנווײַז רינט מיט רעגן אויס
דער טאָג.

אַ שוידער גיט אַ זעג איבער מײַן לײַב.

נאָר קוים גיט מיר עמעץ דײַן נאָמען אַ זאָג,
קומען מיר אַנטקעגן
יונגע וועגן,
גרינע וועלדער,
פול־געטאָקטע טעג ווי עפּל —
און קיין שום פלעק אין מײַן טראַכטן.
נעמט ריזלען אין מײַן געמיט
אַ רעגנבויגן־ליד.
עלעהיי אַ זייגער וואָס איז שלאָף
און ביים באַריר פון אַ שרײַפל,
קלינגט ער ווידער טראָף נאָך טראָף...

די ווײַסע פּאַווע

אַ זילבער־ווײַסע פּאַווע
מיט אַ בלומענקרוין —
צי אַ ווײַסער פלאַטער־וואָלקן
אַ וווּנדערשטוין ?
האָב איך געזען
צווישן טאָג און נאַכט.
דעם שלעפּ פאַרמאַכט,
באַהאַלטן
צווישן די פעדער־פאַלדן.

זי האָט געקוקט
אומעטיק
פון דראָטן־הײַזעלע,
איר טראָן,
און געוואַרט
ווי אַן אומעטיקע כלה
אויף איר באַשיצער.

אָרעמער פויגל,
געבונדן צו זײַן ייִחוס,
צו זײַן שיינקייט
און צו זײַן באַזיצער,
וואָס וויל טוישן דעם אומעט
אויף אַן אַנדער שטײַגל
און אויף אַ נײַעם
באַשיצער.
ווער פאַרשטייט דעם שכל
פון פייגל ?...

דער שלאָס...

כ׳קאָן קיין מאָל ניט אַרײַנקומען אין יענעם שלאָס,
כאָטש עס טיילט מיך אָפּ אַ פּאַפּירן ווענטל...
גוט אַזוי מיר צו זיצן אין מושלע פון פּאַרדראָס
און חלומען פון אַ גאָלדן הענטל,
וואָס זאָל פאַר מיר די טיר פונעם שלאָס אויפפּראַלן —
און וואַרטן זאָל אויף מיר אַ שטול ווי אין גן־עדן
אויפן צדיק, ווען ס׳באַשטויבן אייביק־שטראַלן. —
זאָל איך שטראָפן מיך, וואָס כ׳בין אַזוי ניט באַשיידן ?

סענסיביליטעט

אַ ווונדיק צעטרייסלט געוויין,
רײַסט זיך
פון מײַן רויזנקוסט
הינטערן פענצטער.
זי חלומט
אַ קאַשמאַר פון קריג.

דעם קאַשמאַר,
שפּילן די קינדער
הינטער מײַן פענצטער.
פולווער קנאַלט,
אַ קינד פאַלט...
מיידלעך
בינדן
ווונדן...
ד קינדער לאַכן —
און די רויזנקוסט
וויינט.

פון דער משפחה בלומען,
איז נאָר איין רויז
פאַרשאָלטן
מיט אַזאַ סענסיביליטעט,
אַז זי האַקט דאָס רויזנקעפּל
אויף שטיינערנע שוועל
פון מײַן טיר.

מײַנע פינגער װערן לײַכט
װי רויזן־ריח,
נעמען די בלום
פון שלאַכטפעלד
אין שטוב צו מיר.
אויפגעטײַעט,
קוקט זי — אַ זון פון װאַסער,
שמײכלט אַרויף צו מיר —
אַ דאַנק —
און פאַרװאַרפט דעם בלומענהאַלדז...

נידעריק,
פאַלן בלעטער
צו די קאַטאַקאָמבן
פון מײַן האַרץ...

די קינדער לאַכן
אין שפּיל פון קריג.

דרײַ...

כ׳האָב זייגערלעך דרײַ מיט אַ וועקער וואָס שפּילט,
עס טאָגט דאָרט און נעכטיקט אַ ריזיקע גריל.

עס וועקט מיך פון גליווער אָרקעסטער־געקלאַפּ,
מײַן האַרץ איז דאָס פינפטע אין קרענצל פאַרכאַפּט.

טייל מאָל ווי אַ שנאָבל עס פּיקט אויף מײַן האַנט
אַ שעה נאָך אַ שעה און פאַרשלינגט דעם בריליאַנט...

וויקלען זיך קלאַנגען אין ראָד אַרום מיר,
זיי שפּילן די צײַט — נאָר צעדריוולען זיי פריער.

געוווינט און פאַרוויגט מיטן קלינגל־געמאַך,
ווי ס׳אויער צום ציטער פון קאַמערטאָן —

ווי גיין וואָלטן שטראַלן ווי הערנערלעך דין,
אַריבער מײַן שרײַבטיש מיט שכינה־געשפּין.

אַרום מיר אַזוי פיל צעוואָרעמטער קלאַנג, —
כ׳בין אָפּט מאָל אַפּאַטיש ביז דנאָ, אָן פאַרלאַנג;

די הענט כ׳האַלט צעוואָרפן ווי פון אַ שטרייט —
און זען זע איך אויס — ווי אַ זייגער וואָס שטייט.

אויף די וועגן פון ישראל

MUSZKA

אויף די וועגן פון ישראל

נאָך וועמען יאָגט זיך עס דער ווינט,
האַווקעט אין דער לופט פאַרביסן;
אויף וועמען רײַסט ער זיך דער הונט,
ווי אויף אַ קייט — אָפּגעשמיסן?

ער שטוינט גאָר אויפן ווידערקול,
מיינט עס בילט אַ הונט אַ צווייטער,
איבער פליין און איבער טאָל,
אָט די בערג איבערדרייט ער!

אַ יללה איז אים באַפאַלן,
ווי אַ כלב ס׳ערשטע מאָל
אין שפיגל וואָלט אַרײַנגעפאַלן —
און אַנטפלעקט זיך מיט אַמאָל...

אַ ישוב וועט דאָ באַלד געבוירן
און אים פאַנגען און אים צוימען
און דער ווילדער „הונט" מיט אויערן
פליִען וועט ווי רויך פון קוימען...

אונטער שאַרף פון ווינטן־פליגל —
שטעל דיר פאָר די נײַע צורה,
שפּרינגט אַ ציגל אויף אַ ציגל
מיט אַ יונגן צוואָל פון גבורה!

זאָלן קינדער נאָר זיך מערן,
ווי די שטערן אין מיליאָסן —
וועט דער ווינט אַ לירע ווערן,
אונטער הימלישע לאַמפּאַסן.

בײַ דער כותל

כ׳האָב געזען אַ ייִד —
אַ קנויל פֿאַרבערגלט,
זיך טוליען צו דער וואַנט,
צו זײַן ערדוואָרצל.

זײַן געזיכט פֿאַרשטיינערט,
אַ קלײנע הייליקע וואַנט,
וואָס די שײַטערס האָבן ניט גענומען.
פֿון זײַן פּנים,
כ׳האָב געלייענט
די צוויי טויזנט־יעריקע מגילה:
העלדנמוט,
בלוט —
וויזיע פֿון גליק, —
טויטע גלאָריעס,
וואָס שוואַרצע קראָען
האָבן אויפֿגעפּיקט.

אַ הער איז ער געקומען
פֿאַראַנקערן זײַן לעצטן חלום!
געפּאַנצערט
מיט נײַעם גלויבן,
שטייט ער איצט בײַ דער וואַנט.
אַן אויסגעשײַערטער,
אַ ריינער;
אַן אָפּגעגאַרטער,

פון רוישיקע סלאָגאַנען
און פון אַלע הוראַגאַנען,
זײַן שטערן,
פון חרטה־ציינער אײַנגעביסן,
קילט ער איצט
אין דער כותל,
אין די שטיינער־ריסן.
דער שטיין קאָן טרייסטן
און דאָ האָט ער אַ טרייסט
געפונען —
און זעט אויס,
ווי דער צענטער אות
צום אלף־בית —
אַ יידעלע
צום מנין...

ווי אַזוי ?

(פאַר מײַן ברודער־חייל, תשל״ד)

ווי אַזוי לאָזט מען אַרויס
די פייגל־ווערטער פון מוח־נעסט,
פון טויערל דורך געדאַנקען־פלעכט,
וואָס ליגן אין ווײַסער שעמעוודיקייט ?

ווי אַזוי נעמט מען דעם ביסן צום מויל,
ווען אײַזערנע וויזיע
פון שקעלעטן־געשפּענסט —
ליגט מיט מענטש פאַרקנוילט ?

ווי אַזוי רוימט מען אָפּ
די משא פון שכל־שטאָם,
וואָס שטיקט אינעם אָטעם
ווי די שרויף פון מדבר־זאַמד ?

ווי אַזוי מאַכט מען ליכטיק
דאָס וואָרט מיט בענטשונג,
אַז די בענטשונג זאָל פאַרבײַטן די בושה
פון גרענעצן פון אומזין
אויף קדושה ?

ווערט געבוירן ווערטער,
מײַנע ליכטיקע קינדער —
מיט אייביקייט באַקרוינטע,
צום וועלטוואונדער !

ירושלים

(האָטעל גני־יהודה)

א

צעוויגט און דערשיטערט ליגט די פעלדשטילקייט,
ריזיקע בעלמעס אויף די ליכטיקע שויבן.
דאָ האָט דער שונא געפּאַשעט זײַן ווילדקייט,
דער פראָנט האָט געדונערט מיט גלאָזיקע שטויבן.

באַטראַכט איך די ווענט מיט די שטיפּלען פון קוילן,
די רויזן־שאָסן אין פענצטער־טעראַסן,
אַ ווינטל אויערט אַרײַן מיר די גרוילן,
פאַרבלינדט מיר די זון אויף ירושלימער גאַסן!

ב

וואָס טוען דאָ זעלנער פון שטיינערנע שויסן,
וואָס האָבן דעם שונא פון דאַנען געשטויסן?
אַ זוניקע יוגנט — געצערטלטע ביימער,
געטאָקטע חיילים, געקליבן איינס־איינער!
זיי קומען פון האַרטע קאַזאַרמישע בעטן,
זיי קומען די מוסקלען דערנערן דערזעטן
גרינגרויע וואַגאָנען מיט יוגנט צעברויזטע, —
רייך־קינדישע בליקן מיט שויבערס געקרויזטע, —
אין אײַזן־געקאָוועטע זעלנער געניטע,
געבענטשט זאָלט איר זײַן פון ירושלים די היטער!

אַראַבישע קינדער

ראָזער אָונט וויַין פון קעלטער,
אויפן פּאַן פון גרינעם פליין,
זיבן זונען מיך פאַרבלענדן,
אַראַבערלעך אין אָונטשייַן.

פון ירושלים אונדזן באַשערטער
אַנטקעגן שווימט פון צייַטטומאַן,
אָנגעפילטע לאָגלען — ווערטער
צו באַקליידן דעם דערמאָן.

פאַרבלענדט מיך איצט אַ קינדערקייט —
רונדע פּעסעלעך מיט גאָלד...
מזרח־זון פון וווּנדערווייַט
האָט אַלע קינדער אָפּגעמאָלט.

די קינדערלעך אַראַבישע,
דאָס מינץ פון אונדזערע שונאים —
מיט טויזנט חנען סאַברישע,
אַ שפּיגעלע — אַ פּנים.

אַ כאַפּטע ווינטיק־לוסטיקע
פון זונענשטראַל געשליפן —
און דלותדיק פאַרמיסטיקטע,
זיי האָבן מיך פאַרבליפן.

עס פּאַסט זיי פּיסלעך נאַקעטע,
ווי אַ פלאַנץ באַהעפט צו ערד,
אין לאַנד אַזוי פאַראַקערטע
באַשיצט צו זייַן באַשערט.

שומר צה״ל

ס׳קומט אויף מײַן ליפּ
דער תּענוג,
צו באַזינגען דיך,
שומר צה״ל !

קליין איז דײַן זאָמען
און קלוג איז דײַן מאַכט !
דײַן נצחון
דערלאַנגט האָסט
אויף זילבערנע טאַצן
מיט בלוט, געשטרייפט אין שלאַכט !
איצט וועלן די מוזעס
דיר צינדן
קרענץ־שטורקאַצן,
שומר צה״ל !

געמאַכט האָסט זיי מאַט ;
איין צוג,
איין סאָלדאַט !
מען האָט דיך געצוווּנגען
צו זײַן אַ העלד ;
אויף דער בלוטיקער שפּיל
ווי אין צירק,
געוואַרט האָט די וועלט...
שומר צה״ל !

ס׳גאַנצע פאָלק
געוועזן איז קראַנק,
ווען ס׳ראָד פון מלחמה
איז דײַן לײַב אַריבער.
האָבן מיר באַגלייט דיך
אין פיבער
מיט דעם פאַנצער פון ליבשאַפט
וואָס הימלען איבערקערט —
און ווי די שטראַלן פון זון,
וואָס וואַרעמען די ערד...
איצט בליאַסקעט
די קרוין פון נצחון
איבערן קאָפּ פון ישראל,
שומר צה״ל!

ייִדעלע פון אלף־בית,
דאָס קדושין־רינגל
האָסט אָנגעטאָן
דײַן כלה — דעם לאַנד
און האָסט איר פאַרהיט
פון שאַנד,
שומר צה״ל!

ווי אַ געשלאָגענער הונט
ליגט דער שונא פאַרשטומט —
און ס׳טרייסלען די זײַלן
מיט דײַן רום,
שומר צה״ל!

דער שונא באַגאָסן מיט שאַנד —
און מיר לעקן דעם האָניק
פון תפילות
ביַי דער הייליקער וואַנט, —
און ביַים פיַיער
פון טרערן,
שמידן מיר אויס דיר
אַ ניַיעם הלל!
שומר צה״ל!

שטיין וועסטו,
ביַי דער וואַנט פון גערעכטע,
דער ערשטער ביַים עמוד
און דיַין גיַיסט וועט לויכטן —
אַ ליכט־תמיד,
שומר צה״ל!

געבעט

באַזעצט האָט זיך עמעץ אין לויף פון מײַן רעיון
און סקולפּט דאָרט אַ בילד פונעם קריג און כלי־זיין.
אַ פרילינגדיק פּנים — מאַדולאַציע פון קויט
מיט צוקנדיקע מוסקלען — בײַם אָרעם דער טויט.
ס'האָט איצט דער חייל בר־מצווה איבערשפּרײַזט —
און ס'שלאָגט פון אים ערנסט — פאַרשטעלט פאַר אַ גרײַז;
שוין מיט לאָדן און ביקס פאַרקנסט צו זײַן אַקסל
און זײַן אויג אויסגעפּילט מיט בלוטיקע שלאַקסן.
אין זעלנערישן הולך געפּאַנצערט, פאַרשטײַפט —
ווי צעסטראַיעטע פידלען זײַן שטימע זיך רײַפט...
אין שוואַרץ־ רויטן בראַנד איבער וויסטעס אויבן אָן, —
עס שנײַדט זיך אים ערשט קוים פון חכמה דער צאָן!
עס שפּראָצט איבער ליפּ אים ערשט — יינגלישער צוויט —
און שוין קירוועט די מאַשין ווי אַ שלאַכטמאַן געניט.
ס'אַקערן די רעדער, דערשיטערן די ערד —
אָן אַלט בלאַט געשיכטע יאָר־טויזנטער באַטרערט.

זאָל פליִען מײַן תפילה עד לב השמים,
געבענטשט זאָל זײַן ס'קינד און געחתמעט לחיים!

מלחמה־געוויטער

א

אַ וואַלד מיט בלײַערנע געדאַנקען
קרײַצן דעם שטראַל פון טאָג,
ציִען אַראָפּ די זון
נידעריקער צו דער ערד;
אויף אַ שבֿעה־בענקעלע
פון אַ שקיעה טרעפּ —
פֿאַר אַן אַנאָנים געפֿאַלענעם חייל —
אין סיני סטעפּ.

ב

ברודער אינוואַליד,
אינעם טאָל פון דײַן הוילן אַרבל,
וואָס גראַמט זיך מיט לײדיקע שיך אָן פיס,
וואַרף איך אַרײַן
געדענק־בלימלעך. —
ווען איך טראַכט פון דײַנע ווונדן,
וואָס האָבן דיך פאַרבליבנד,
וויל איך אויסלייזן מײַן קללה
פון קלעם,
זי זאָל אַ דונער טאָן
מיט שלאַקסן
איבער דער געמיינער וועלט,
וואָס האָט פאַרקריפּלט דײַן וואַקסן!

הײַנטצײַטיקס

הימלדיק גרייכנדע,
ערד דו געקליגלטע,
ווייטיקלעך פרײַכנדע,
בלוטיק געזיגלטע.

שרפות צעברויזלטע,
פונקען טיף־שלאַקסענע,
רויכן געקרויזלטע,
מענטש איבערוואַקסענע...

חיילים אײַזערנע,
פעלדזיק געגאָסענע,
קינדישע־גרײַזענע,
אויף פעלדער צעשאָסענע.

וועלט דו פאַרציטערטע,
טעראָר־געפאַנגענע, —
שקלאַפן פאַרביטערטע, —
קראַטן צעהאַנגענע...

תּכלית צערודערטע,
הימלען דערשיטערטע, —
קיין מאָל פאַרברודערטע,
מענטשהייט צעשפּליטערטע.

תפילות

אין אַלע ווינקלען פון מײַן רויט געמיט,
תפילות ברענען מיך ווי די פאַקלען.
צי וועלן זיי דערגיין צו דעם זעניט,
און פאַרהיילן די טרויעריקע סך־הכלען ?

ס׳איז די וועלט אַ טורעם פון שגעון,
און אַ תהום ווו ס׳קאַפּען אָפּ די טרערן.
כ׳וועל שיקן מײַנע תפילות דאָרט זיך פּאָיען
און לויטערן אין שטראַל פון הימל־רערן.

אויב צום אורגעשטאַלט עס פירט די מענטשן־קלוגשאַפט,
וועט פון תפילות אויך אויסלאָזן זיך אַ שטריק ?...
כ׳וואָלט די גאַנצע וועלט אַרומנעמען מיט ליבשאַפט,
פאַר צעשטערטע בריקן זײַן אַ בריק.

ווּ נעמט מען דעם שטיין ?...

די שעה האָט זיך געצויגן — קלעפּיקע גומע,
געלעכצט נאָכן אָנריר האָט מכשיר־מלחמה.

כ׳האָב געזוען דעם חייל ווי רויִק און איידל
די ביקס ר׳האָט געגלעט — ווי אַ טאַליע פון מיידל.

ווי לאַנג נאָך וועסטו דולדן ישראלדיקער ריז ? —
האָט די ביקס מיטן זעלנער זיך איבערגעשמועסט.

אַ פייַערדיקער וואָלקן אָנגעפּילט מיט בלייַ,
ביסט צום שונא אַריבער און געטון אַ שפּייַ.

און דייַן האַנט באַשיצט האָט ווי אַ מאַמע דאָס לאַנד,
געבענטשט דייַנע טריט אין געפאַר פונעם בראַנד.

איצט שאַרפן כ׳וויל ס׳וואָרט אָבער ווּ נעמט מען דעם שטיין,
אויסצוזינגען די גלאָריע פון אַ פאָלק אַ קליין!

פון אַ תנ״ך־לעגענדע — און וווּנדערלעך נײַ.
פון די שײַטערס און מיתות — צוריק צום סיני!

ס׳געווער איז שוין פאַרשטומט נאָר רויבלוט איז דײַן ווונד,
דײַן גבורה נאָך טרייסלט מיט דער וועלט אַצינד.

דעם גוואַלדריס פון ד׳ערד מיט טריאומף־סאַלוועס פאַרשיט —
ס׳וועט ישראל אין נצח פון רום זײַן פאַרשמידט.

אַרבעט מיט געזאַנג וועט זיך ווידער פאַרפּאָרן,
פּאַלן וועלן גאָלדעפּל ווי מעטעאָרן.

ס׳וועט שפּילן דאָס פלייטל און זיך פּאַשען די קו
און נאָך בלויער וועט דער הימל טריפן מיט רו.

די פישערס פון נחל־ים

לאָמיר דעם כוס פון לחיים פאַרהויבן
און טרינקען און בענטשן דעם ניגון פון גלויבן.

דעם בונט וואָס האָט יוגנט מיט מדבר פאַרשניטן,
פאַרגופט צו דער ערד ווי פרילינגע בליטן.

ערשט נעכטן האָט קריג דאָ דערשיטערט די ווייַטן
מיט קאַנאָנען־געביל — ווי די הינט אויף די קייטן.

נאָך שטייט ווי אַ משחית אַ זכר, אַ גולם,
ס׳ברוכוואַרג באַגראָבן, אַן אײַזערן־בית־עולם, —

איצט רויִקע, זאַמדיקע, שלווהקע שוועלן,
האָבן זיי פאַרלייגט זייערע צעלטן, געשטעלן.

מיט ביקס אויפן אַקסל און שלום אין ד׳אויגן,
דער הימל פון פרייד, וועט אויף זיי זיך אָנבויגן!

זיי זענען די בויער פון נייַע פאַרטאָגן —
אין קוואַליק געלעכטער דעם מדבר צו צוואָגן.

און מעגן כאַמסינען צעשרויפן די זאַמדן,
זיי טיפן די נעצן די פיש אויפצולאַנדן.

פון נחל־ים דעם לאָדן דעם פאַנג דעם פרישן,
פאַר מלכה פון שבת צו יידישע טישן.

קיין פאַטאַ־מאָרגאַנאַ און ניט קיין כימערן,
דאָס זענען בלויז וווּנדער פון טרייַע פיאָנערן.

טאָ לאָמיר דעם כוס פון לחיים פאַרהויבן
און טרינקען און בענטשן דעם ניגון פון גלויבן.

אין שפּיגל פון דמיון

(צום יאָר תשל״ו)

איך שיק דיר אַ לאָגל מיט וואָלקנס, ירושלים
און זאָל אַראָפּהימלען צו דיר אַ רעגן, לחיים!

לחיים צום בלי און געוווקס פאַר דער באָבעשי ערד,
וואָס איז אין אייביקייט יונג און געבערט און געבערט.

זאָל וואַקסן די פּיאָלעט־ציבל אין ענגע קאַרסעטן,
די שטאָלטנע ירקות, גרייטע צו טישן פאַרבעטן.

ס׳בענקט מײַן נשמה און בלענדט מיט געהיימע סיגנאַלן
פון ירושלים, צעוואָרעמט פון פּאַלמענע שטראַלן.

שפּאַן איך ווידער אַרײַן אין אירע באַרגיקע געסלעך,
כ׳זע די היטערס — יעדעס קינד אַ געפּאַנצערטע פעסטונג!

אַ וויזיע פון הייזער מיט שאָסן וווּנדיק און ווײַיִק,
וואָס האָבן בלינדע געגלאָצט אויף מיר שטײַיִק און גײַיִק.

ס׳וועט רו זײַן און כ׳בענטש די הייליקע שטאָט מיט אמונה,
איך בענטש יעדע פלאַנץ און מאַך איבער איר שהחיינו!

גערענקשאַפט

ווען כ׳שנייַד אין פענדל מערן־רענדלעך,
נעמט אַ פאָדעם אין מיר שפּינען,
ווען כ׳האָב אויף ווענן שטויביקע
אין ישראל־לאַנד זיך געפונען.

איך האָב געליטן אין מייַן געלאַף
מיט שטוין אין לאָגל פון מייַן טראַכטן:
ווען גבורה איז פון שייד אַרויס,
געוועזן אַ שפּאַן — נאָך די שלאַכטן.

כ׳בין געלאָפן ווי אַ יונגער הירש,
אין מיר האָט הונגער זיך צעקלונגען,
האָב איך אַ כאַפּ געטון מייַן טאַש,
ווו אַ מערל איז געשפּרונגען...

דאָס מערל בייַסן כ׳האָב גענומען,
ווי אין רינגען פון אַ בוים געקוקט
און פון דער מיט פון אויגנשטראַל,
האָט זיך מייַן גומען אָנגעקוויקט...

יאָ, ישׂראלס מערן זענען זיסע —
אַ ייִד איז זיך מיט זיי מטפּל —
און הונגעריק איך האָב פאַרשלונגען
פונעם מערל דעם שוואַרצאַפּל...

מײַ 1967

אַ סטרונע אָנגעצויגן ליגט ישראל אויפֿן שוועל,
אויפֿגערייצט און טויב שפּילט אַרײַן אין אים ס׳געמיט.
ס׳וויל אַ ביס טאָן דאָס געווער, וואָס וואַרט אויף אַ באַפֿעל,
אויפֿרײַסן וויל די שטילקייט — דינאַמיט!

מײַן לאַנד מיט זײַן שלום די וועלט וויל פֿאַרקניפּן, —
אַ גן־עדן פֿון ליכט זיך אויסגעהאַקט פֿון שטיין. —
טראָגט פֿון קינאה דאָס געשפּענסט פּעסט אויף אַלע ליפּן —
קריק אַ מדבר צו זען מיט שאַקאַלן־געוויין.

בײַ דער סצענע פֿון שעכטער — וואַכט דער שומר ישראל,
דעם פּראָנט וועט אויפֿשנײַדן אונדזער שעה די גערעכטע,
זייער שפּיגל־געווער וועט ער געבן אַ צעמאַל
און מיט אײַן פֿראַך פֿון חכמה וועט ער זיי פֿאַרניכטן...

דער הימל וועט ווידער טריפֿן מיט חסד און חן
און די זאַנג וועט זיך פּאַשען מיט גראַציע־קניקסן.
צו דעם קאָפּ פֿון לבנה דעם זילבערנעם שטיין,
וועלן ביימער שיטן ריחות ווי בשמים־ביקסן.

יום־כיפור־מלחמה

אַ פֿאַלנדיקער שטערן גיט זיך אַ בוק,
איך הער ס׳וועקט זיך מײַן דרעמלענדיקע שויב —
און אין מיר אַ געדאַנק ווי אַ שנעלצוג
מיט אַ כאַמסין אָנגעפּילט מיט שטויב.

קלאַפּט אין מיר אַרײַן מײַן האַרץ אין אַ געפּויסט,
דראָשט אויף הויט אַ רינצל און פֿאַרפּרירט ;
שפּרינג איך פֿון געשפּאַן פֿון הויט אַרויס
צעקלאַפּט פֿון אַלע פּײַנען עקזאַלטירט.

פֿאַלט אַ טרער־נעפּל אויף מײַן וויִע.
כאָטש פֿאַר די אויגן שלאָקסט מיט בלוט און בראַנד —
כ׳שווים אויף אַ רעגן־בויגן רצועה,
גלײַך אַריבער צו מײַן פֿאָלק און מײַן לאַנד.

ווי קאָן דאָס זײַן אַ ליגן, בלויז געדאַכט ?
ווען איך לעב דאָפּלט אויס דעם מעת־לעת —
און אָקער מיך אַרײַן אין לאַנדס פּראַכט,
אויפצוגיין אין צער און פֿרייד פֿון זײַן נס.

די וועלט איז מיט שינאה פאַרבויט

כ׳האָב געזען אין מיטן פון סטעפּ,
אַ מידן חייל — אַ גיגאַנט!
דאָס קישן פון אַ זאַמדיקן טרעפּ,
געווען איז זײַן בעטגעוואַנט.

ווי אַ שטראַל פאַר אַ ליקוי חמה,
געוויגט פון אַ וויינענדיקן ווינט;
ס׳האָט אים יעדע פרוי ווי אַ מאַמע,
געבענטשט ווי אַן אייגן קינד.

די וועלט איז מיט שינאה פאַרבויט
אינעם מדבר פון האַרץ פון דער ערד.
שפּײַט דער אײַזערנער פּיסק מיט טויט, —
ווערן ליכטיקע שטערן פאַרצערט.

די בראַנד גיסט מיט בלוטיקע בלומען,
דער ים ווערט דערוואָרגן מיט שיפן —
אַ שטורעם־צה״ל איז געקומען
און דעם שונא ווידער פאַרבליפן.

די שבת־מלכה אין ישראל

אין מאַראַנצן־אוירנגלעך
מיט אַ קעניגלעך טריטל
גייט די שבת־מלכה
און גריסט מיר אַנטקעגן: „שלום”.
אויפן האָריזאָנט צעוואַקסט זיך אַ זון
ווי אַ גאָלדענע שוואָם.

ס'איז גוט וואָס מיר איז באַשערט
ס'זאָל האַסטיקן אין מיר אַ מחשבה,
אַז ליב זאָל איך האָבן די ערד
מיטן גאַנצן האַרץ און נשמה.

★

עס רוישט דאָ מעלאָדיש דער שבת
מיט שטילקייט פון שטיין איבער שטיין;
ברוכוואַרג, מאַשינען ווי דערנער —
אָן שרויפן און אָן אײנגעווייד.
די ציפּריסן ליכטיקע פּײַלן
אין דבקות פון שבת געהילט,
געהייליקט אין בלוט און גבורה
זינגט דאָס זאַמד
אין מײַנע טריט.

צפת

איך שפּאַן אין די שבתדיקע ליקלעך
אַרויף און אַראָפּ —
אין תּכלת געהילט איז מײַן קאָפּ.
מיט ווייכן קנײַטש פון טריט
שפּאַנט דורך אַ קעמל,
געלאָדנט
מיט שטראַליקן שטויב
פון די וועגן.

די גאַסן ווערן לופטיקער
און ריינער.
די שויבן
מיט פֿײַערליכט — באַשלעגן.

איך מורמל אַ תּפילה
און לויב
דעם שבת אַנטקעגן!

ארומנעמען די וועלט



דוד טושינסקי.

אַרומנעמען די וועלט

עס האָט שוין פון צייַטן אין ליד אָפּגעקלונגען
און אין די ביכער פון פּראָזע געפּלייצט,
אַז דאָס זאַלץ פונעם שווייס, וואָס געדונגען,
איז אויך געבונדן מיט פריידן געקרייצט.

דאָס לעבן אַנטקעגן טראָגט גאָלדענע זשמעניעס
און שפּרייט אויס פאַר יעטוועדן זייַן חלק.
נאָר אַליין מוזסטו גרייטן דייַן געני
און נעמען דאָס וואָס דיר איז פּאַרטייליק.

זיך קאָנען מיט שמחות און לייַדן פאַרשפּינען,
מיט יעדן געטלעך געשאַנק פון נאַטור.
אין דעם אַלעם געפינען אַ זינען,
אויך אינעם וואַלקן, וואָס דריקט אויף אַזור.

פאַרכפּלען דעם גאָב פון אַלע פינף חושים,
עס האָט דאָך יעדער חוש אַ נשמה...
ווען עס האַלדזן זיך כוואַליעס און קושן,
צי ווען אַ פויגל וועקט צו השכמה.

אויך אין די שעהען, וואָס צעשפּרינגען אין מינוטן
און רייבן די צייַט מיט ווייַזערס שטראַלן;
אַלץ פאַרבינדן מיט נוצן פאַרגוטן
און פאַרמורמלען מיט וואָרטלעכע קוואַלן.

פון שמייכלען און קריצן און דונער־געפּאַרן, —
קערנער צום לעבן ברעכן אויף דילן!
דאָס וואָס געמיט דאָס פולע צעשפּאַרן,
צעוואָלצן זאָלן גייַסטיקע מילן.

רחמנות

ווען דער אוצר פון ערד פֿאַרשליסט זיך
און אַ זילביקער שניי אים פֿאַרשיט,
אַ רעגן־רחמנות פֿאַרגיסט מיך,
אַ טויב טראָגט דעם הונגער צעפּליט.

פון אונטער דער שנייאיקער חתימה,
אַ טײַכעלע שפּילט שוין אַ לידלינג
און פֿאַרזיסט ווערט דער ערדס גומען
און פּלוישט אַן די לאָגלען מיט פרילינג.

אָ, טײַבעלע ווײַסיק צעווינטלט,
אַן אורח אויף פֿאַרשנייטע לאַנען.
נישטאָ קיין ברעקעלע, פּינטל
אין בלאָטיקער שעה פון טומאַנען.

נאָר ס׳לאַכט אויס די טויב מײַן רחמנות,
און ס׳רוישלען די פליגעלעך צוויי —
ס׳איז דאָך אַ גליק בנאמנות,
אויסצוגליִען פון פרײַהייט דאָס איי!...

מײַן אינערלעכער שאָטן

איך וויל אַנטלויפֿן,
איך מוז אַנטלויפֿן
פֿון דער בלוטיקער וועלט,
פֿון מענטש און בוך,
פֿון לײַד און לעבן,
ווי אַ האָז פֿון אַ יעגער
מוז איך אַנטלויפֿן —
אַפֿילו פֿון מײַנע פֿרײַנד
וויל איך מיך שיידן,
ווײַל מענטש און בוך
איז איינס:
לײַדן!

כ׳וויל אַרײַן אין רינג פֿון בערג,
אײַנגעהילט אין זון
ווי דער בוים
און מיך אײַנבעסטן
אין אַ טאָל;
מיט לופֿט ווי קאַלטער שטאָל
מיך אויסלופֿטערן
ביזן דנאָ
און...
כאַ, כאַ,
ווער וועט מיר ניט גינען
פֿון זיך אַלײַן אַנטרינען?

איצט,
שוין מײַנס אָפּגעטאָן —
און ווידער פּול,
פֿול פֿון לײַד —
ליידיקייט...
איז שווער געוואָרן מיר
דער לאָדן.
גיך
גענומען כ׳האָב
צוריקאײַלן
מיט מענטש
די ליידיקייט טיילן.
ווײַל פּונקט
ווי דאָס בוך בענקט
נאָך אַ הונגעריקע האַנט
מוז לײַד מיט לײַד
הויזן באַנאַנד!

אַזוי האָט מיר געבאָטן
מײַן אינערלעכער שאָטן.

קאָרטנשפּיל...

פון האַרבסט ביז ווינטער
שפּילןביימער אין קאָרטן.
זען די צווייַגן
וואַרפן בלעטער־קאָרטן
איז אַ תּענוג.
זון־באַשפּרענקלטע,
אויסגעבאַקענע,
וואָס טרעשטשען אין האַנט
און פאַלן אויפן ברוק.
ס׳באַוועגן צווייַגן זיך
ווי שפּילנדיקע פינגער
און יאָגן אַרויס
בלאַט נאָך בלאַט.
דעקט איינער דעם צווייטן,
דעם דריטן
מיט אַ טרעפל־בלאַט
אין מיטן.

אָליוון־לענגלעכע,
פינף־פינגערנע,
העל־געשטרייַפטע,
דין־געאָדערטע —
שוין לאַנג אָפּגעררייַפטע.
פון אַלע פאָרמען און מינים,
פּאַלן און שאָרכן.
ביז דער ווינט
ג ע וו י נ ט . . .
שאַרט זיי צונויף,
גיט זיי אַ טאַשע,
אַ דריי ווי אַ רעדלמיל —
געזנוי
ווי אַ געניטע האַנט
אין קאָרטנשפּיל.

פרײַנד

ס׳איז גוט מיר צו ברענגען נאָך אַ ברייטן קרײַז פרײַנד.
פאַראַן מענטשן — ווי נאָר מען קאָן זיי אַ ביסל צײַט,
ווערן פּליטעס, וואָס זענען דאָס זעלבע שפּילן גרייט,
דאָס האָט אַמאָל אַ סאַלאָן־שרײַבער אַזוי געמיינט...

זײַן זאָלן פרײַנד אַן אָפּקלײַב, פּערלדיק און עכט;
דווקא קלוגע האָב איך ליב מיט דער שאַרף פון אַ בליץ —
פון מיר פאַרלאַנג איך אויך דעם זעלביקן באַזיץ,
נאָר הימל ווײַט צום שטרייט, נאָך ווײַטער פון געפּעכט.

איין פרײַנד איז מיר ווייניק — ווי פרילינג אין זכרון.
כ׳האָב מער שוין אָפּגעוווירן טראַכטענדיק פון יאָרן —
אויך דאָס טייערסטע געשטעלט אין קאָן און האָב פאַרשפּילט,

און דאָך, ליב כ׳האָב נאָך שטיפן כאָטש אַנטוישונג איז אַ שווערד —
מיט ערלעכע געפילן און הילכיקן באַגער
דעם מענטש באַוווּנדערן און באַוווּנדערונג — איך וויל!

מײַן ברודער יוסף

כ׳האָב מיך דערמאָנט פֿון מײַן יונגהייט אַ וווּנדערלעכע וווּנד,
וואָס איך האָב אין מײַן פֿרילעבן אויסגעטרונקען ביזן גרונט.

אין קימפּעט איז מײַן מאַמע פֿראַמעטעאוס פֿון לײַד געווען —
און איך בין אויף דער וועלט געפֿאַלן — אַ נס פֿון געשען.

אַ טאָכטער האָט זי אין איר לעבן באַגערט, אַ פֿרײַנד געגאַרט,
האָב איך אויסגעשעפּט דעם ברונעם, וואָס האָט זי צעשפּאַרט.

מיט אַ געזינדל קדישים האָט זי באַצירט די ערד,
די זכיה פֿון אַ געמלעט זינדל געווען איז איר באַשערט.

צום פּדיון־הבן האָט מען געזען דעם רבין אַפֿילו,
אַ בת־קול איז געפֿאַלן, אַז יוסף וועט זײַן אַן עילוי!

מײַן טאַטע האָט געשטראַלט און געווען דער צענטער פֿון שכינה,
ער איז געווען צעשטרייט און זיך אַליין קוים אָפּגעפֿונען...

ס׳קינד איז טאַקע געווען אַ חכם און מער ווי שיין — צום שטוין:
אַ לאָקנקאָפּ מיט אויגן — צוויי וועלטן ווי האָניק אין ברוין.

צו נײַן חדשים ער האָט זיך שוין אַ ריס געטאָן צום גיין,
צו צוויי יאָר האָט ער שוין דעם אלף־בית געקנאַקט אויף די ציין.

אַ דריי־יעריקער געזייגט האָט ער גאָך די מאַמעס בריסטן —
כדי אָפּצושטעלן ס׳קינדלען האָט זי שפּעט געזייגט אומיסטן...

מכות האָבן זיך בײַ איר אין די בריסטן אָנגעצויגן
און דער צדיק האָט מיט זיסקייט דעם טויט אַרײַנגעזויגן.

אייביק האָט מײַן מאַמע דעם טרויער אין ד׳אויגן באַהאַלטן,
ביז איך האָב פאַר איר מײַנע אָפענע אויערן געהאַלטן.

זי האָט דערציילט אַזוי שיין, ביזן דנאָ כ׳האָב אויסגעשעפּט איר ווונד;
געווען כ׳בין שוין איר פרײַנד — כאָטש אַליין געווען כ׳בין נאָך אַ קינד.

איידער אויף מײַן זכרון ס׳פאַלט אַ שיכט אויף אַ שיכט מיט קויט,
קושט מיך אַ פאַרלאַנג, יוסף זאָל לויכטן ווי אַ זונענקנויט!

איין גאָט ווייסט פאַרוואָס כ׳זוך אין הימל און פרעג בײַ די שטערן,
וויפל ס׳האָט די ווערט מײַן מאַמעס בורשטינענע טרערן...

צום טאָג

גוט מאָרגן טאָג,
אַ נײַער גאַסט.
קום אַרײַן צו מיר
דורך פענצטער
און טיר.
גיב אַ בליץ אין שפּיגל
און כפּל אין ליכט
אַלע ביכער,
אַלע שטובזאַכן.

גוט מאָרגן טאָג,
אפשר האָסטו
אַ געשאַנק פאַר מיר,
אַ גוטע בשורה ?

טו מיך אַ צעטרייסל,
טו מיר אָן
דעם פאָספאָר־שמייכל,
וואָס מאַכט זאַפטיק
מײַנע ליפּן מיט אַ תפילה,
טו מיך אַ צעטרייסל,
כ׳זאָל מיך ניט באַוועגן
ווי אַן אָנגעפּוישטער וואָלקן,
וואָס מאַטעוועט דעם שפּיגל.

אין דער תפיסה פון מײַן איך
פאַראַן אַזוי פיל פרייד —
און איך בין ערגעץ ווײַט פון מיר,
אַזוי ווײַט פון מיר,
אַזוי ווײַט !...

פרימאָרגן

ווען דער טאָג ווישט אָפּ דאָס קרייַנדל פון לבנה,
וואַש איך אינעם לעצטן שטערנטוי מייַן פּנים.

געהיימע פינגער רופן די זון פון די בערג
און ס׳גיט זיך אַ דעק אָפּ די וועלט פון גאָטס ווערק.

ווען דער טאָג פלייצט מיט זייַן גוטסקייט אויף מייַן שויב,
שטיי איך אויף מיט דאַנק צום באַשאַף און איך לויב.

איך לויף אַרויס אין גאַס און אַלץ ווערט מייַן פאַרמעג;
יעדע זאַך כ׳גיב אַ גלעט מיט מייַן אויג אויף מייַן וועג:

אַ פויגל וואָס באָדט זיך אין אַ שטראַלן־בלאָטקע,
אַ קעצל וואָס וואַשט זיך — אַ טיגער־קאָקאָטקע,

דער בוים וואָס אין מייַן רעיון ווערט אין מיר פאַרמענטשט,
ווען אַ צווייַג לייגט זיך אויף מייַן קאָפּ און בענטשט...

כ׳זע אַ הונט וואָס האָט פאַרלוירן זייַן היימיש גיט, —
אַלץ נעמט מיך צענעמט און מאַכט ווייך מייַן געמיט.

ווען דער טאָג פלייצט מיט זייַן גוטסקייט אויף מייַן שויב,
שטיי איך אויף מיט דאַנק צום באַשאַף און איך לויב.

אויפֿן „בעסטן" אָרט

(סאַטירע)

דאָ אויף דער ערד מיט לויג פּאַרקנאָטן,
דאָ, ווו די שטילקייט הערט מען נאָר שטרײַטן,
ווו אבֿלים האָבן אויסגעטראָטן,
דאָ קומען מיר אָפּט אַ מענטש באַגלייטן.

קיינעם קאָן מען פֿון דאָ ניט אויסקויפֿן.
אויפֿן „בעסטן" אָרט וויל מען נאָר קומען,
וואָס שפּעטער — און פֿריער אַנטלויפֿן,
יעדע חכמה ווערט דאָ אָפּגענומען...

דאָ ווו ס'שמעקט געזאַנג פֿון פֿייגל, קווייטן, —
איז טײַער דערפֿאַר דאָ אַ שטיקל ערד.
דאָ ווערן לויז, פֿאַלן אָפּ די קייטן,
יעדער ווערט באַלוינט אַריבער זײַן ווערט.

מיר וואָס אַנטלויפֿן, מיר דערווײַליקע,
באַלד ווערן מיר אַליין אויך הייליקע...

פּייזאַזש־עכאָס

די זון האָט זיך צעשפּילט אינעם עכאָ פון קאָלירן,
ווי דאָס קול פון דער ווײַט ווידערמאָלט.
ס׳האָט אַ טײַבעלע מיט אירע קרינאָלינע־פליגל,
זיך באַזעצט אויפן מאַשין־געוויש, וואָס ווידערשטאָלט.

אין אַ קליינעם גאָרטן מיט סאָסנע־ביימלעך אויפגערוימט,
זיצט די קאַץ פאַררונדט ווי אַ צירונג אין אַ שקאַטולקע.
אַ הינטל ווי אַ טעפּיכל מיט אַ פעל פון שאַמפּאַניער־שוים,
קילט זיך זײַן פוטערפעל אין די גאָרטן־סטרולקעס.

די ערד קורטשעט זיך אין פײַער־חמימה פון זון באַגאָסן,
בראָנדזענע פרויען שפּרייטן ריחות שאָקאָלאַדע, —
אַלע רעגן־וואָלקנס אויסגעטריקנטע עקרות פאַרשלאָסן,
און ס׳פּראַווען התבודדות די אַלייען־פּראָמענאַדעס...

איבער קעפּ פון בערג פאַלט אַ נעפּל־לײַכטע פּאַנאַמע.
אין טאָל, פאַרדרעמלטע הײַזקעס אין בלומען פאַרטונקען. —
אויף אַ שאָטנבאַנק פאַרחלומט ווי אַ לאַנד־פּאַנאָראַמע
זיץ איך אונטער זעפירענעם גלעט פון שטילקייט באַטרונקען,

מען לערנט יעדן טאָג

דער הימל איז צימרינג זיס
און ס׳שפּינען די וואָלקנס אַ חלום.
די וועלט איז מיט חכמה באַיאָרט
און דאָס שלעכטס מיט אַ נאַרישן פּנים.

כ׳האָב געלייענט די לבנה בייַנאַכט,
ווען אַ ווינט האָט געצימבלט אויף שויבן.
ניט דאָס האָט געהאַלטן מיך וואַך —
נאָר אַ האָגל פון ביטערע טרויבן...

ס׳האָט מייַן אָרעם געצויגן זיך ווייך
צום ווייטאָג און מענטשלעכן „העלף״;
האָב איך ווידער געלערנט דאָס בייז —
ווען באַפאַלן זענען מיך וועלף!...

כ׳וואָלט וועלן...

די טעג וואָלקענען אַוועק,
נעמען אַלע שמייכלען מיט,
גלײַכן אַלע פּײַנען אויס
און ווערן אויס!

כ׳האָב ניט אַנטדעקט קיין שום פּלאַנעט,
מען לעבט ווי מען האָט זיך אויסגעבעט.
כ׳וואָלט נאָר וועלן גאַנץ בײַם לעבן זײַן
און ניט געקרוינט נאָך אים מיט שבח,
נאָר וואַך,
אויפהייבן זיך אין הייכן
און חלומען
פון דעם וואָס כ׳קאָן דערגרייכן
מיט מאַגנעטישן פאַרלאַנג!

פײַערווערק אויף חלומטרעפּ
אין וואָר ווערן אויסגעוועפּט...

כ׳וואָלט וועלן,
אויף אַלע מײַנע טעג
מיטן ווילן גאַנץ אַוועק...

בענגאַלישע אותיות

דער בלומען־אות פון איידעלן מעטאַל,
קלינגט אָפּ אין מײַן מוח,
איבערחזרט, ווידערקולט, מעלה־ גרהט —
אַ פאַנטאַן פון פראַזן־שפּליטערס
פון אַ געלייענט ווערק...

איך וואַרעם מיך
אין די אויסערלעכע ווענטלעך
פון אַ ניט קלאָרן באַגער.

מאָדנע,
ווי עס באַרירן זיך אין קאָפּ געדאַנקען,
פאַרפּנימט אין אַ געפּונענעם בראַסלעט...
אַ שנירל גאָלדענע אותיות
פאַרמישט מיט אַן אומבאַקאַנטער פּרוי.
אַ וואַרעמע מחשבה גיט מיך פּלוצעם אַ מונטער:
„אַזוי ווי דו קאָנסט ניט דעם פאַרלירער,
גיב אָפּ דאָס צירונג אין אַ שורה"...

געשפּאַנטקייט

אויף מײַן געזאַנג־געבלומטן טישטעך
מיט דין־גרינעם שטרייף ווי פֿאַרבנשטעך,
האָט גאָטס אַ ברוין פערדעלע, אַ קרוין,
פֿון טיף־בראשיתדיקע צײַטן,
זיך פֿאַרנומען אויף די בלומען רײַטן.

ווי אַ פּיצל „אלף" פֿון אַן „אַשרי",
צי גאָר פֿון אַ קליין סידורל, אַ „פּ",
אַן אות, פֿון אותיות, אַלט ווי דער תּנ"ך;
מיט פֿעדעם גענדזן־פֿיסעלעך באַשטעלט
און מיט צוויי אויגן־שטערנדלעך באַקרעלט.

זײַן לעבן איז אין קאַמף אים ליבער,
צו רײַטן יעדן מכשול איבער;
אויף דעם זײַן פֿירונג איז זיך מודה.
ווען פֿינגער מײַנע אַ צוים שטעלט אויף,
זײַן נסיעה מאַכט ער באַרג אַרויף...

מײַן שטוין צינדט אָן זײַן אַקראָבאַטיק.
אַ „ניסל" — און ווי אַ חכם עתּיק
און עס פֿיבערט מיט מיר און עס שטרייט.
די נאַכט רוקט אָן זיך ווי אַ לעמפּערט —
און מיר — אין אַ דראַמאַטישן געעמפּער.

אַט אַ פּינקט, אַ גליווער־פּיזיאָנאָמיע;
אַט אַ פאַרקערטע אַנאַטאָמיע
דאָס קנוילעכל, וואָס האָט מיך אָנגעשפּאַנט. —
מײַן פעדער האָט פאַרפלאַנצט זיך אין אַ טרוים
און גאָטס פערדעלע שמעקט ווי צו אַ בוים...

דאָך, אַ לאָנקע איז מײַן טישטעך ברייטער.
פינף פינגער פלעכטן אים אַ לייטער,
ער נעמט מיך מיט אין זײַן שטאַפּל־קלעטער;
די צעלאָפּאַן פליגעלעך אויסגעברייט
און פאַרשווינדט אין גאָטס געשפּרייט.

היפּאָקריזיע

דער שרײַבער,
וואָס האָט באַווײנט די וועלט פון גאווה
און צעוואַקסן זיך פון גאווה ביזן צעך !...
געוואָרן איז איצט נידעריק ווי ערד,
אַזוי ווי יעדן איז באַשערט.

אַ קרומער חוזק־שמייכל
איז געווען זײַן בעזעם, וואָס האָט געקערט
דעם מענטש פון זיך.
איצט ווען פּינצטערניש אים באַוואַכט,
וואַרפט מען צו אַ גאָלדן שערבל צו זײַן שבח...

אויף דער שוועל פון טויט,
טראָגט אַ טייל נאָך לײַכט די לאַסט
פון נאַקעט־ליגנערישע שמייכלערײַ ;
מיט מינוטנדיקן שווײַגן באַקריינט,
שונאים ווערן פלוצעם פרײַנד,

יאָ, גאָט אַליין האָט דאָס פײַנט !

ווי מיינט איר ?...

קאָן דען אויסחלומען אַ מענטש נאָר אַזוי פּיל
וויפל ער קאָן אַרײַנבענקען אין טאָג אַרײַן ?
קאָן מען עסן דאָס צאָרן־באַרעלע אין שפּיל,
אַז דער צאָרן זאָל ניט טריפן אין בלוט אַרײַן ?

קאָנען אין באַהעלטערלעך ליכטטעג זיך שפּילן,
און די וואָלקנס זאָלן ניט רײַטן איבער זיי ?
צי קאָן מען אַנטלויפן פון טיפע געפילן,
ווי פון קאַמערטאָן דער וויבראַציע־געשפּרייט ?

ס'וועט אפשר עמעץ, וואָס וועט ניט פאַרשטיין,
אַ חוזק־וואָרט אויף מײַן ליד געפינען ?
נאָר טאָמער וועט ער דורכברעכן דעם מיין —
וועט ער ווײַטער דאָס ליד געמען שפּינען...

יהי רצון

זאָל דער אָפּפאַל פון קריג אין גרונט פאַרזינקען
און שינאה זאָל מיט שינאה זיך דערטרינקען.
זאָל דאָס אײַז לאָזן — פליסיק זײַן און וואַנדער —
און מענטש פאַר מענטש זאָל מער ניט זײַן קיין שאַנדע.
אומברענגען די פאַרגולמטע מלחמות
פאַרוואַרפן אין אַ דזשונגל אַל־נקמות.
זאָל אין האַרצן־קאַמער ליבע נעסטן פרײַ;
ווי אין תפילין־קעסטעלע ס׳וווינט דער „שדי״!
דאָס וואָרט זאָל מער אין דיר ניט שיבעה זיצן —
און וועלט־גרענעצן — לעבן זאָל באַשיצן!

פרילינג־געוויטער

קאַלטע פרילינגנעכט.
איך הענג — אַ שנייוואָלקן
איבער מײַן געמיט.
אַ פויגל קומט אין מײַן צימער,
צייכנט אַ שמייכל אויף מײַן געזיכט.

איך קוק דורכן פענצטער.
קעמלדיקע רוקנס פון קעץ
שרײַען אַרויס די חיה,
וואָס פאָרט זיך פאַרטײַעט
אונטער לבנה־שלייער.

מײַנע פינגער ווערן לעבעדיק
בײַם אויפלעבן אַ פאַרוועלקטע בלום;
גלײַך באַרעגן איך זי
מיט אייביקייט...

איך וואַרט אויף עפּעס,
צי אויף עמעצן?
פרילינג־געוויטער בויגט מיך,
ווי אַ זאַנג אין אַ שלאַקסרעגן.
איך העפט אַרײַן אין מײַן טראַכטן
אַ פרעגצײַכן,
צו וועלכער סטעזשקע
זאָל איך מײַן ווילן אָנזאָטלען?
און ווײַל אַזוי פיל וועגן
שטעלן זיך מיר אַנטקעגן
בלײַב איך הענגען אויפן שויב
און מעדיטיר —
ווי אַ שאַכמײַסטער אין דאָפּלשפּיל
מיט זיך אַליין,
וועלכן וועג צו גיין?...

אויפן רעפובליק־פּלאַץ

בורא נפשות!
איך האָב רחמנות
אויף דיר,
וואָס דו
האָסט ניט קיין
מענטשלעך האַרץ
עס אַוועקצולייגן
צו פוסנס,
אָט דער קללה.
דו ביסט אַרײַנגעריננלט
אין בלויען נעפּל
פון קטורת
און זעסט ניט
די פינצטערע קאַרוזעלע
פון אונטן...

דאָס איז אַ הקדמה,
וואָס פאַלט צום גראָם
מיט דײַן גאַנצן נאָמען...

אַן אַנאַטאָמיע־קריפּל,
אָפּגעגנאָפּלט
פון אַ שוואַרצן גורל־שטערן,
אַ מענטש
נאָך מיאוסער ווי דער טויט,
אַרויסגענומען

פון בורא עולמס
קאַריקאַטורעס,
האָב איך הײַנט געזען
אויפֿן פּלאַץ
דע לאַ רעפּובליק.

אַ פֿאַרדרייטער
צעהויקערטער פּיען,
אַ פֿאַרקנוילטער
פּאָליאַמעליט,
„ אַ וויסטע
טעמנע
טאַטשנע
קאַליקע,"
מיט צוויי אָרעמס־שטריק,
פֿאַרענדיקט
מיט קנופּן־פּויסטן —
און פֿון דעם צעקרימעניש,
קריפּלען אַרויס קלאַנגען
און פֿאַלן שיקלדיק
פֿון אַ האַרמאָניקע.

נעבן אים זײַן קינד, —
אַ הונט
מיט אַ ליכטיקער האַוואַנאַ־פֿעל,
שמידט די גאַנצע גאַס
אַרײַן
אין זײַן קלוגער־שיין...

אַרום
דעם האַלדז דעם היגטישן
גלעקלט
אַ בעטל־קויבערל —
און געבן אים נאָך
אַ סייף...
אַלע הערצער
ווערן שערי־רחמים,
קלימפּערט די גאַס
פון גוטסקייט
מיט שניצלעך מינץ.
און ס׳שפּילט דער כלב
אין דעם מענטשנרייף
ווי אין אַ צירק.

אַ קללה
אין אַ מענטש פאַרשטעלט —
און אַ הונט
מיט טויזנט שיינקייטן
פאַרמענטשט.
די האַוואַנאַ־פּעל,
מיט דעם דרעסירטן שטעל,
רייצט די האַנט
נאָך אַ סאַמעטענעם גלעט...

מיר דאַכט,
אַפילו
די פרוי־סטאַטוע
פון רעפּובליק,

האָט פֿאַר אירס
אַ לאָבערבלאַט,
די ערשטע שיינקייט
אַנטפּלעקט.
זי פּלאָנטערט זיך אַרויס
פון איר דראַפּעריע־קלייד
און גייט אַראָפּ
צום הונט,
אַוועקלייגן
צו פוסנס אים
אַ לאָרבערבלאַט...

און עס זעגט די האַרמאָניקע
אין קרומען מויל, —
און שנײַדט אַרײַן אַ שטשערב
מיט אַ שמייכלשלייף
אין האַסטיקן געגיי
פון דער רעפּובליק.

נאָר האָט מיר ניט פּאַראיבל
פֿאַרן אמת
וואָס וויל שלאָגן:
דאָס הינטל
באַקומט פֿאַר זײַן שיינקייט —
און ניט
דער קריפּל...

אויף דיר
איך האָב רחמנות
בורא נפשות!...

טרוקעניש

אַ זיבן־מײַליקער װאָלקן ציט זיך אין לענג און ברייט,
די ערדישע ליפּן פֿלאַצן פֿון דאָרשט נאָך אַ רעגן.
אַ פֿויגל טראָגט אויף זיך פֿיבער־פֿלאַמען װען זון פֿאַרגייט
און פֿײַערדיקע פֿלעקן לאָזט אין אויגן אַנטקעגן.

סאַנגװיניש רויט זענען פֿאַרנאַכטן װי ערב געװיטער —
אַװעק דער פֿרילינג מיט מאַפּלונגען — געלאָזט פֿאַלשע בליטן.
אַ שטייניקער באַרג דער װאָלקן־גרינס אין פֿיבער־ציטער,
דונערן קלינגען אָפּ און טרוקענע שלאַקסן זיך שיטן.

אַ װינט צעשפּאַרט די ערד װי מיט גליִענדיקע שרויפֿן,
צעקריגן זיך ביימער, שטרײַטן בלעטער איינסאַנאַנדער;
דער װאָלקן װאַקסט איבער בערג, װײַל קיין רעגן ניט פֿאַרקױפֿן —
און פֿאַרשיט מיט שטויב די אויגן, װי אין מדבר־װאַנדער.

רעגן

די וואָלקנס האָבן איַינגעדעקט די זון
און וויגן זיך מיט אַ ליד פון געוויין.
עס האָט זיך צעהוליעט דער רעגנגאָט,
לבנה גלאָנצט מיט אַ פנים פון שטיין.

עס טראָפּנט און צימבלט איבער שויבן,
באָמבלען זיך אויף צוויַיגן קאַלטע פונקען;
עס כאַפּט זיי דער ווינט אין זיַינע פּאָלעס —
און בלומען שיכור פון צופיל טרינקען.

ס׳איז טייל מאָל אָן מאָס, אָן סדר די וועלט
צעטרייסלט ווי ביַי אַ מענטש דאָס געזונט.
די וואָג איז פאַרוואָרפן, דער פּאָס איבערפולט
און ס׳פּלייצט אַריבער דעם פּראָפּן, דעם שפּונט...

כ׳קאָן ניט אָנשטעלן ס׳אויער פון מיַין האַרץ,
צו הערן קלינגען דעם זון־געשלידער, —
וויל איך פון יעדן צאַפּל פון ציַיטשטראָם,
כאָטש איבערלאָזן אייביקע לידער.

דער כוח פון וואָרט

ער האָט געזאָגט: „פאַרגעס מיך ניט".
סתּם אַזוי
אַ וואָרף געטאָן דאָס בלימל
אין אַ שמועס בײַם טיש.
דאָס וואָרט האָט אַ שוועב געטאָן
זאָרגלאָז אין לופט
און געבליבן איז ערגעץ געדולדיק
דער דופט —
און וועט אַרויס אַ מאָל
פון דער באַהאַלטענער צעלע,
ווי אַ שטערנדל
אין אַ פרימאָרגן העלן
און דערמאָנונג וועט וועקן:
„פאַרגעס מיך ניט".

„פאַרגעס מיך ניט",
קאָן אַ מאָל אין האַרצן בלײַבן שטעקן.

ס'וואַרפט אַ מאָל עמעץ אַ וואָרט,
ניט וויסנדיק,
אַז ס'איז אַ זאָמען,
וואָס פאַלט אין אַ פרוכטיקן באָדן
און גייט אויף אין אַ פרוכטיקן נאָמען...
„פאַרגעס מיך ניט".

פעניקס

דער בלויער פויגל
פעניקס,
איז אַרײַן אין מיר
מיט דער זיסער האַרמאָניע
פון זײַן פליגל.
ער טראָגט אין מיר,
ווי דאָס גוטס
און דאָס שלעכטס
פון וועלט.
מײַן גאַנץ גליק
כ׳האָב געפונען
אין זײַנע אייגעלעך,
צוויי זייגערלעך,
וווּ ס׳שפּילן זיך
שטראַלן פון צײַט.

בײַ טאָג,
איז ער מײַן גאָרטן־וועכטער.
בײַ נאַכט,
קומט ער שפּאַלטן
מיט די נעגל־העקלעך,
די תּפיסה־וואַנט
פון מײַן קאָשמאַר.

ווען ס'דונערט גאָטס קול
און פּלאָשעט דיביימער —
און ס'וויל מיך פֿאַרשלינגען
די הייל פֿון אומעט,
קומט פּעניקס
און ברענגט
אַ גרינעם בלאַט
פֿון אוניווערס
ספֿר...

דאָס איז
מײַן קליינטשיק
באַפֿליגלט פֿערדעלע...
די בלויע טינטשיינקייט
פֿון זײַן פֿליגל,
טריפֿט אויף מײַן פֿעדער,
אין טרעמאָלאָ
פֿון מײַן ניגון.
אַ שאָד פּעניקס,
וואָס דו אַליין,
ביסט ניט
קיין מעלאָדיסט. —
דײַן קול אימה'ט
מיט מאַקאַברישן קראָ
פֿון „מעמענטאָ מאָרי".

קום פעניקס,
לאָמיך אויסטובלען
מײַן אויג
אין דײַן שיינקייט.
קום קוכן עסן
פון מײַן האַנט.

איצט,
קוקט מײַן שכן — די קאַץ,
מיט גיריקן צאָן און אויג,
אויף מײַן בלויען פויגל...
זי האָט שוין טויזנט מאָל
אים פאַרשלונגען,
נאָר פעניקס איז גאַנץ,
מיט זײַן לויטער אויג
מיט אַן עלאַסטישן בויג.

און אַזוי ווי פון מײַן שכן — די קאַץ,
אַזוי פונעם שכן דעם מאַן,
שפּיזלט זיך לאַקרעצדיק
אין מײַן פענצטער געצילט,
אַ קינאה־שמייכל:

„אַ, וואָס פאַראַ אידיליע"!!!

דאָס ליד צום שפּעטער

סוף זומער, מלאָכים־האָר ציִען איבער וועגן
פֿאַרוויקלען און פֿאַרבינדן לעצטע זומער־שפּורן,
וווּ שטילקייט געבערט אונדז זײַן פֿאַרמעגן,
פֿאַרוואָרפֿן אים אויף ווײַטע חלום־פֿורן.

די לופֿט איז נאָך מיט אַקאַציע־דופֿט פֿאַרזיסלט,
וויברירט פֿון גן־עדנס אויפֿגעפּראַלטע טויערן,
ווי גאָט וואָלט פֿון זײַן אַנטיקן בשמים־ביקסל,
דעם גאַנצן שטערנשטויב פֿאַרלוירן...

איך בין אַ וואָלקנפֿלעק אויף ד׳רערד אין טרויערן,
אונטער זונענשפּיל, וואָס שטאַמלט נאָך מיט שטראַלן
און איך ווייס אַליין ניט ווער ס׳האָט מיך באַשווירן,
כ׳זאָל דעם בלי פֿאַרזען און צום סוף חלום איילן...

איך רעד צו מײַן שאָטן

איך בין אַ באַרקע
אויף שטורמישע וואַסערן.
איך שיפּל זיך,
מײַן פּען איז מײַן אײנציקער רודער!

אינעווייניק,
פּיל איך אַ מאָל
אַ שטראַלעכל,
אַ וואַרעמען צאַפּל
ווי אַ קינד
בײַם נאָפּל.
איך וואַרט אויף עפּעס,
אַ געשען, אַ ווערן,
נאָר אַ וואָלקן דריקט אויפן וואָלקן פון מײַן שטערן.

שאָטן פון מײַן שאָטן —
פאַרנעפּלטער שפּיגל,
זאָל קומען עמעץ
און אַרויסשלאָגן דאָס שטראַלעכל לעבן,
אַז ס׳זאָל אַ קלונג טאָן,
ווי ס׳קלינגט אַ זייגער
די דערוואַרטע שעה!

די באַרקע איז אין מיטן
וועג
פון אַ רגע אייביקייט.
מײַן פּען איז גאָר אַ ווײַזער —
ניט קיין רודער,
וואָס וועט שליסן דעם
קרײַז...

אין זיך

ווי שיין וואָלט געווען די וועלט און געבענטשט,
ווען דאָס מענטשנקינד זאָל זײַן קלוג און גוט.
ווו גרוסט מען די צוויי פליגל אינעם מענטש?
אפשר זיך אַליין בײַטשן מיט דער קנוט?

כ׳זוך זיי אויף מײַן דנאָ — פאַרדרייטער ספּיראַל
און קאָן מער ניט אַרויס פון מהלך —
כ׳וועָר אַמאָל פאַרבלענדט פון אַ מענטשנשטראַל,
אַ מאָל פאַרבליפט מיך אַ מענטשן־מלאך.

נאָר כ׳קאָן ניט געפינען דעם גאַנצן איינס,
ווײַל פאַרפעלט האָט גאָט דאָס אין זײַן באַשאַף.
מוז איך חלומען די האַרמאָניע פון שיינס —
ווי צום ריטעם ס׳זאָל ניט פעלן קיין טראַף!

כ׳וועל אײַנחלומען דאָס בעסטע און שענסטע,
און זאָל מײַן ליד זײַן צו דער וועלט אַ פענצטער...

★

פאַראַן אין זייגער פון צייַט מינוטן פון פייַן,
פון וואַן בייַם מענטש דער לייבן־כוח צו לייַדן ?
ווו נעמט זיך צום מענטש אַ שמייכל דורך צייַן
און דאַך פון יעדן קלעם אַרויסוואַקסן און זייַן ?

יעדער גלייבט אַז זייַן לייַד מען דאַרף באַוווּנדערן.
ווו דו זאָלסט ניט וועלן ערגעץ אויף אַן אינדזל פאַרשווינדן —
ווי יעדעס הערעלע צום וואָרצל איז פאַרבונדן,
קאַן אַ שטריך אויף דער מאַפּע ניט באַזונדערן...

ביסט שטענדיק צו עפּעס צוגענאַפּלט,
פּונקט ווי דו ווערסט צו דייַן זיווג צוגעטאַפּלט
און נאָך מער צו דייַנע קינדער צוגעשמידט.

אַט, פּרוּוו די קורצע שורות פונאַנדעררייסן,
וועט די כוואַליע פון געדאַנק דיר דאָס באַווייַזן,
כאָטש דאָס רופט מען אין פּראָזאַדיע בלויז אַ ליד...

האַרבסטיק

דער האַרבסט צאַפּט ס׳בלוט פון בלעטער
און נעמט דעם דאָרן אין אַ זײַדן טיכל.
דער מענטש איז אַ פריער און אַ שפּעטער
אין דעם ערדישן ביכל...

וואָס דאַרף מען די קרוין פון יריד,
אַז אַלץ וועט פאַרניכטן דער גײַסט,
אַז אַלץ ווערט פאַרסמט, וואָס עס בליט,
אַלץ וואָס געניאַל איז און פלייס.

קיינער בײַ קיינעם וועט ניט מאָנען
דעם חשבון, פון דעם גולם, ראָבאָט,
דאָס שלעכטס נעמט דערשיטערן טראָגען
ביזקל צום היכל פון גאָט!

אַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטן

געווידמעט יאַנוש קאָרטשאַק

דער מענטש איז אין היגערפּלעט געלעגן
און אויפגעכאַפּט זיך ווי אַ פלאַקער!
איז צו מיר דער נייַגער דורך פּאַפּירענע וועגן
דערגאַנגען — און אין האַרצן געאַקערט.

דער בריוו איז ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעט,
וואָס געבעטן האָט י. קאָרטשאַקס אַדרעס...
אָ, דער וווּנדער פון אַ קינדער־פּאָעט,
ער האָט ניט געלאָזט זיך אָפּשוינען פון נס...

דעם פאָטער פון שראַליקלעך, משהלעך,
וואָס האָט קינדערשע חלומות באַהאַרצט, —
אַנטקעגן געווייַנט האָבן קדושימלעך,
ווען ס׳האָט זון זיך אין זייַן וואָלקן געשוואַרצט.

אפשר האָט אַ שטראַל פון זייַן ליכטיקבוים,
געקריצט און געחתמעט דעם אַדרעס האָט?
ס׳האָט אפשר געשריגן די שטילקייט פון תהום,
צו גאָטס ליבן נאָמען, וואָס רופט זיך: „אחד!?״

זייַן קבר אין ליד־אַלעע באַווייַן עס.
ווען די ערד האָט געפּלאַצט פון פּעט־לייַביק,
דאָרט איז דעם פאָטער י. קאָרטשאַקס אַדרעס,
צווישן די זעקס מיליאָן עולם־אייביק!

האָב איך דאָס פון קאָשמאַר אויסגעשייַערט,
פון אַ וואָלקענעם פּאַרמעט אין רוימען?
צי ס׳האָט פון מיר סתּם אַרויסגעפּייַערט —
די לעגענדע פון פאָטער־יתומים!

טונקעלער פאַקל

ווען דער טאָג ווערט ,געבוירן
ווי אַ קינד מיט ערשטן געשריי,
וויל איך ווידער אויפגיין.
כ׳וויל דעם פרילינג פאַרשלינגען
און ווערן פון פרילינג אַ גילגול.
אויפן וועג צום אָפּגיין, —
אַ טונקעלער פאַקל,
ווידער אויפגיין.

ס׳האָט אַזאַ שטראַל מיך פאַרלאָקט
און מיך מיט טאָג פאַרטאָגט.
כ׳בין אַן אונטערגעשפּאַרטע בליִונג —
ווו ס׳זידן נאָך באַגערן;

כ׳וויל לעבן און ליכטן,
כ׳האָב פיל נאָך צו סדרן און פאַרריכטן.
נאָר לעבן איז מיט סוף פאַרטראַכט —
ווי דאָס צווילינג פון טאָג־און־נאַכט.

תּפילה

כ׳בעט דיך, גאָט,
אויב מײַנע פֿינגער חלומען,
זאָלן זיי אַדורכחלומען
מיט ווערטער מײַן פּען.
ווען איין פֿינגער
שמועסט מיטן צווייטן,
זאָלן די רייד
אויך הערן לײַטן —
און זיך האַלטן וואַך
צום פּאָעטס שפּראַך!

איבער די בריקן פון פּאַריז

די לבנה ברענט
מיט צעשטויבטן גלאָז
אויפן טײַך.
אין מחשבות פאַרקליידט
כ׳האָב אַראָפּגעטרעפלט
אין מײַן וואַלדיקן טונקל
— ביז וווּ?
— ביז צום דנאָ?
ניין;
די ערד האָט אויך ניט קיין דנאָ.
כ׳האָב נאָר געוואָלט געפינען
דאָס געזאַנג פון אַ פּנים,
וואָס טריפט מיט ליכט
פון אַ באַגער.

*

אין אַלע זײַטן פּליסט דאָס לעבן
ווי אַ טײַך.
ווער ס׳גלייבט אין מאָרגנס איז דאָך רײַכער
נאָך פון רײַך.
ווער ס׳שאַפט די קונסט און שליאַך פון לעבן,
ווערט ניט מיד.
קאָנסטו — זיי אַ ציטאַדעל פון גליק
אין עול געשמיד.
ווער קאָן די צוימען
פון געזאַלבטן גליק,
ווער ?
ניטאָ קיין גאַנצעס —
נעם דעם שפּליטער.

דאָס אַבסאָלוטע זוכן אין אַ בליץ
איז אַבסורד,
וואָס לויפט דיר אַנטקעגן ;
גיי אויף די וועגן
און אייביק נעמען
דאָס פּענעצל
אין באַזיץ !...

דעם טאָג אַנטקעגן

כ׳האָב אויסגעטראָגן די ווייען
צום געבורט פון טאָג.
טראָג איך מײַן תּפילה צום וואָרצל
פון מײַן ווילן,
וואָס גיט מיר לעבן
און פון שווײַגן דעם ברילן !...

כ׳בין — אַ באַרג־קלעטערער
אַרויף צום שפּיץ
פון מײַנע פאַרלאַנגען,
איז די זון צום באַרג
ניט דערגאַנגען...
קנוילן זיך וואָלקנס
און שפּײַען אין מײַן געמיט
דעם סם פון שלאַנגען.

✶

טונקל.
ניטאָ דער פליגעזאַנג פון פייגל.
דער רעגן האָט פאַראַקערט
יעדער זשאַרנע, יעדעס טייגל.
פאַרשווונדן איז די קאַץ,
וואָס האָט מורא פאַרן רעגן ;
זעט מען ניט איר טיגער־קליידל
מיט בלומען־פּיסלעך אויף די וועגן.

אַלע פּנימער געקנאָטן
אין דער זעלבער גרימאַסע,
ווי טראָפּנס רעגן ענלעכע,
וואָס שאָרכן און שפּאַסן...

איך בין אַ פײַער־לעשער

דער טאָג איז פאַרלאָשן,
רויכערט זיך נאַכט
אין שוואַרצן קויל
און רויכערט אָן אַלע בערג
אין איין באַרג חושך...
דער ווינט לויפט אַרום
אַ צעדולטער
און ברעכט זיך די קנאַכיקע הענט.
ביימלעך זיך בוקן
פאַרצווייפלט צום ווינט;
נאָר ווינט לאַכט,
בלאָזט אויף פון נאַכט,
אַזאַ גוואַלדיקע שׂרפה!

פרוּוו איך מיט טינט
אָפּגיסן די נאַכט־מכשפה...

פֿאַרטאָג

פֿאַרטאָג,
אַ שניילינג
טוליעט זיך צו מײַן שויב,
אפשר אַ שטערן?
מײַן חלום וועקט זיך
און איך פֿאַרענדיק זײַן געמעל.
שנייליכטיק ווערט אין צימער,
קוקן היימיש
בילדער פֿון די ווענט.

ווי אַ פֿאַרזוימטער רײַט דער ווינט
אויף אַ וואָלקן פֿון פֿאַרטאָג
אַשיק העל.
דער הימל קרײַזלט זיך
ווי כוואַליעס אויף אַ טײַך, —
איך לאָז זיך אויסגלעטן
פֿון ווייכע זייגער־קלאַנגען.

אַ וואַרעמער דופֿט
פֿון פֿאַרבריטע קאַפֿע
רייצט מײַן אָטעם
און עפֿנט אַלע פֿאָרעס פֿון מײַן הויט, —
טראָפֿנט אין מיר אַרײַן
די אידיליע פֿון מײַן שכנה...

איך שווים אין מײַן וואַכיקייט
ערגעץ ווײַט.
די זון איז נאָך אײַנגעקלעמט
צווישן טאָג און נאַכט:

אַלץ איז אָפּגעגאָסן מיט שטילקייט
אין מײַן צימער.
דער זייגער קלינגט מיט זײַנע שליסלען
און וועקט דאָס לשון פון גאַס.

איך לויף אַראָפּ פון בעט
אַראָפּשנײַדן
די ערשטע המוציא
פונעם טאָג —
מיט געזאַנג.

צו מ. ס.

כ׳האָב באַקומען אַ היאַצינט מיט באַגערן,
געגעבן האָט אַ פֿרײַנד מיר אַ געשאַנק,
וואָס געחלומט האָט אין שלאָס פֿון געבערן,
ווי פֿון שכל־שייד ס׳רײַסט זיך אַ געדאַנק.

כ׳האָב יעדן טאָג מיט נײַגער באַטראַכט זי,
ווי ס׳וויל אַן אויג דערכאַפּן אַ סיגנאַל.
זי האָט אין שאָטן־שטיבעלע פֿאַרמאַכט זיך
און די טראַכט אויפֿגעפּראַלט.

אַ קנאָספּנשאָס פֿון דער שטילקייט איז געבוירן.
ווינטשט מיר מזל־טוב ווי אַ מאַמען, אַ יונגע, —
איז איצט היימלעכער אין מײַנע מויערן
און צען פֿלעגערינס זענען מײַנע פֿינגער.

★

אין אַ ווינקל
וווּ ס׳וווינט אַ שאָטן,
האָט דײַן בלום זיך צעברענט.

דאַכט זיך וואָס,
אַ רונדע ציבל מיט אַ שטענגל,
ווײַסע קנייטלעך אין וואַסער
און שפּראָצט מיט שמעקעדיקן פֿײַער.

כ׳האָב הײַנט
די וואַזע גענומען,
געדרייט זי פאַר מײַן פּנים,
ווי מײַן טאַטע אַמאָל
בײַם בורא מאורי האש,
געפירט האָט
זײַנע פינגער בײַ הבדלה...

עס נעמען זיך שוין אויסשפּילן
אַמאַראַנטע היאַצינט־שטערנדלעך,
צוזאַמענגעליפּט
ווי צום קוש.

גוט איז אַרומשמײַען
אין קרײַז פון געבורט.

כ׳זע די בלום אין איר באַשאַף,
די גאַנצע וועלט אין דעם פּאַראַלצט.
ווי דער שווינדלדיקער חלום אין געלאַף,
צי גאָר דער אָקעאַן אין אַ טראָפּן זאַלץ.

הײליק װינטל

געבענטשט זאָל זײַן
דער חלום־מאָלער,
װאָס האָט מיט זײַן פּענדזל
אַרומגעבלומט
אַ װוּנדערלעכע לאָמפּ,
געפּוצט אין בליץ פֿון קאָלירן.
געצאַנקט האָט נאָר די קנויט,
װי אין גסיסה
אַ קאָפּ פֿון אַ מענטש.

די לאָמפּ
האָט אַ חלום אַרײַנגעבערענגט
אין מײַן משפּחה־שטוב.

פֿון אַ געזינד זאַלבע צען,
האָב איך נאָר איין פּנים געזען,
אַ פֿונק פֿון װיסטע חורבות,
װאָס איז צוריק פֿאַרמענטשט געװאָרן.

אַזאַ חלום־שטוב אויפֿרוימען,
קאָן די װאָר ניט אויסטרוימען.
די קאָלירן האָבן זיך אָפּגעזעצט
אויפֿן דנאָ פֿון מײַן געדענקען:
בלוי אויף גאָלד,
װײַסע טישטעכער
מיט פּיאָלעטענע זוימען.

אַ שאָד וואָס די חלום־טיר
האָט זיך פאַרמאַכט
אין מיטן נאַכט.
מיט קלינגענדיקע טריטלעך
האָט געשפּאַנט מײַן זייגער
אין טאָג אַרײַן.

הייליק ווינטל,
צעבלאָז דאָס פײַער
פון דער בליצלאָמפּ;
מײַן אויג זאָל קאָנען אַרויפשיסן
צום האָריזאָנט
דעם פאַרביקן חלום
און אַריבערלײַכטן
וועלט־גרענעצן
פון פינצטערניש!...

זומערס

די זומערס טראָגן ווינטערפֿעלצן פֿון וואָלקנס —
ערגעץ־ווו איז אין אויסלאַנד די זון אויפֿגעגאַנגען, —
מען טרייסלט פֿון זיך די קעלט ווי קעץ ווי נאַסע
און די זומערטעג שפּינען טונקעלע פֿאָרהאַנגען.

עס פֿלאַדיעט זיך דאָס שלעכטס אויף דער ערד און פֿון אויבן,
די אַטאָמישע טעסטן פֿאַרסמען, פֿאַרטשאַדן,
צערײַסן די דינסטע וואָלן און קרוינען
און מאַכן אַ בית־עולם פֿון זומער־גן־עדן.

די זשיווויצע פֿון ביימער ווערט שמוציקער זשאַווער,
ווען ס׳נעמען די שווערדן צום געפֿעכט די סעזאָנען;
אייביקער רעגן די נשמה ציט פֿון ביימער —
און ס׳פּלאַצן נאָסטאַלגיעס ווי קינדער־באַלאָנען...

מאָנטיק

אַ טאָג איז היינט אַ וואָכיקער,
ווי טעג אַלע אַנדערע.
כ׳קוק פון פענצטער, זע אין דרויסן
אַ פרוי גייט — ווי אַ וואַנדערער.

די פרוי איז אַוודאי איך,
געשפּאָלטן זיך אין צווייען?
יעדן אָוונט ווי אַ וויִנטצוג
זי האָט ליב אַזוי זיך דרייען.

עס שווידערט מיך אַ וואַרעמקייט,
איך מוז גאָר האָבן פיבער?
כ׳שטרעק מיין האַנט צום טערמאָמעטער
און צעברעך דעם זילבער גליוווער...

עס הילכט אַ הוסט אָפּ פון ניט ווייט —
פון נאָנט, ווי פון אַ שכנה.
וואָס פאַראַ גלגול — אויסטערליש,
צו זיין דאָפּלט — און אַליינע!

פֿאַר וועמען ?

דער פֿרימאָרגן וויקלט מײַנע שעהען אויף אין גרויע פֿאַרבן,
אין פֿענצטער די טויבן דרימלען ווי דורך רעגנבראָם אײַנגעמיד.
אויפֿן ראַנד פֿון הימל די לעצטע צווילינג־שטערן שטאַרבן,
דאָס גאַנצע וועלטצירונג איז פֿון אַ געהיימער האַנט אײַנגעהיט.

איך ליג אַ דינער טרויער אין קורטש פֿון פֿײַערדיקע כוואַליעס,
אַרומגעפּלאָנטערט מיט געדאַנקען וואָס ווילן מיך פֿאַרגלושען.
עמעץ שרײַט אין מיר אַרײַן און איך אַרויס צעשאַל עס,
פֿאַר וועמען לאָז איך איבער מײַן פּאָעטישע ירושה ?...

מײַנע כתבים ביט פֿאַרענדיקט אין זייער ווײַסער אומשולד
וועלן רויטלען זיך, ווי נאַקעטקייט אונטער פֿרעמדע אויגן.
פּונקט ווי פּײַנט ס'האָט דער פּאָעט ווען עמעץ כאַפּט מיט אומגעדולד
אַ לייען, — ווען ער האַלט אין מיטן פּיבערן אויף זײַן בויגן...

אפֿשר טויזנט מאָל טויזנט, געוועז פֿאַרלאָשן און פֿאָריבער
און יעדעס מאָל דער קאָסעמאַן אַ באַזיגטער מיר צו פֿוסן.
איך צינד מיך ווידער אָן — און מיך אַליין איך שטראַל אַריבער,
בײַם שײַן פֿון לידס גענאַד וואָס איז פֿײַערגאָלד פֿון סנה.

איך פֿאַרלייג מיט מיר אַ שמועס

אין יעדן געדאַנק
קלאַפּט אַ האַרץ,
כּסדר, כּסדר,
צו עפּעס, צו עמעצן,
סתּם אַזוי.

איך קלויב די געדאַנקען
ווי צירונג,
וואָס פּעכערט צו מיר מיט גלוסט.

כ׳האָב ליב גרינעם טינט
און דעם ריח
פֿון פֿאַרטראַכטע קאָלירן,
פֿאַרשרייב איך;
ווערט פֿון ווערטער
אַ יום־טובֿ שלייער,
מײַן בלוט ווערט פֿײַער
און ס׳לעשן מיך
טעפּעכער פֿון ליד.

ס׳גייט אויס דער דופק פֿון טאָג
מיט אַלע ווינטיקע גרימאַסן
און שלאַקסן.
מיר איז גוט,
ווען כ׳פֿאַרלייג מיט מיר אַ שמועס,
וואָס אַנטהילט מיך
פֿון טאָג־גופֿניות.

דאָס קועלע סאַפּאַ...*

אַ דיכטערין־קו, ווי אַ געצערטלטע מיידל
מיט פלעקן־מאַראַנצן אויף לײַב און אויף רוקן
מיט אַ גענגל גראַציעז — ווי אַ טענצערין איידל
און מיט זיסקייט פאַרצויגענע בליקן.

כ׳ווייס ניט צי זי שטאַמט פון לעסבאָס פון ווײַטן,
כ׳קאָן נאָר די ליבע צו פינגער פון פרויען...
זי לאָזט ניט פון מענער באַרירן די אייטער,
זי וועט זיך נאָר פרויִישע פינגער אָנטרויען.

די ראָזיקע וואָרצלען, זיי וואַרטן געדולדיק,
הערט פון אַ קועלע אַ קלוגע געשיכטע, —
און טאָמער אַ מאַן האָט בײַ איר זיך פאַרשולדיקט,
אַ פּיסל אין קיבעל — אַ בלאָטקע געדיכטע...

די שפּראַך פון פּראָטעסט איז אין וויאָדרע איר פּיסל,
ווי נאָר דעם באַריר זי פילט פון אַ מאַן.
ווען ס׳גייט אויף פון מילך דער ריח פון פּליסל,
איז ס׳פּיסל שוין ריין — און מיט קויט איז די זאַן...

אַז מיידלישע פינגער אונטער סאַפּאָ זיך צאַפּלען,
אַ שטילע מוזיק ווערט איר שפּראַך פון געמיט.
עס גלאַנצן די אויגן ווי שטערנדלעך־אַפּלען —
און ס׳קלינגען די שנירלעך אין קיבעל אַ ליד...

---

* „דאָס קועלע סאַפּאַ״ איז אַ רמז אויף דער דיכטערין סאַפּאָ, וואָס האָט ליב געהאַט זיך אַמוזירן מיט פרויען...

פֿאַר וואָס ?

איך זוך די סיבה וואָס באַטײַט
ווען יעדער נאָגל איז גאָלע פֿרייד
און יעדער אבר — איך אַליין.

אַ וואָלקן פּלאָנטערט זיך פֿאַרדרייט
און שטריקט דעם טאָג אַ טונקל קלייד —
נאָר מיך צינדט אָן אַ רעגנפֿראַנדז.

ווער איך ים וואָס שלאָגט דעם ברעג
און רויש אַרויס געזאַנג פֿון טעג,
אָנגעצויגן ווי אַ פּויק.

אַזוי געשפּאַנט אין פֿאַנצערליד
און זיך פֿון זיך אַרויסגעבריט,
ווי האַמער בריט זײַן פֿאַרעם.

טייל מאָל איז יעדער האָר געוויין
און איך בין יעדער האָר אַליין
און פֿרעג בײַ גאָט פֿאַר וואָס.

נסיון

די שענסטע פרייד איז ליבשאַפט.
אַן אומזין, אַן אײַנשלעף, נאַרקאָטיק?
גענוג נאָר איין צאַפּל פאַרליבשאַפט
און ס׳נעמט דיך, צענעמט דיך גענאַדיק.

געשטאַנען כ׳בין אונטער דײַן טיר,
געלעכטער האָט לעבהאַפט דערקוויקט.
געבענקט כ׳האָב צום גלעקל־באַריר,
וואָס צווינגט אויף אין האַרצן מוזיק.

איך בין אויף דײַן שוועל ניט אַרויף,
דאָס שפּיל איז דאָך שוין בײַם ברעג!
די זון כ׳האָב דעריאָגט אין געלויף
און געאַנקערט אין אַלט־נײַע טעג...

בלויז נײַגער געוואָלט האָב איך שטילן —
אַליין מיט מיר זיך אַ שפּיל טאָן.
געוויגן אין מיר כ׳האָב מײַן ווילן
און אַליין מיך געשטעלט אינעם קאָן.

איז דאָס געווען אַ בזיון,
וואָס כ׳האָב בײַ דײַן טיר געשאַרכט?
אַ שפּיל בלויז געווען פון נסיון,
ווען איך האָב ניט געהאָרכט...

גערדאַנקען

עס לויפן דורך טייל מאָל געדאַנקען,
ווי באַנגען וואָס שנייַדן דעם ווינט.
טייל נעמט אויף די צייַט זיי צו מאַנגלען,
פאַרוועבט מיט אַ קלאַנג און פאַרשווינדט.

נאָר יענע וואָס ווילן געבוירן,
איך שפרייט זיי אַ וואַרעמע נעסט
און ווער פאַר זיי טויזנטער אויערן,
פאַרבעט זיי ווי ליבלעכע געסט.

זיי קומען צו מיר די געדאַנקען,
דורך אַ חלום־טירל פאַרשטעלט ;
זיי מאָנען בייַ מיר און פאַרלאַנגען,
אַ תּיקון צו געבן מייַן וועלט.

זיי קומען אין טיגל פון האַרצן,
איך פלעג זיי מיט ליבע, פאַרשטאַנד —
און ווען שוין אין רייפקייט פאַרגאַנצן,
כ׳לייג מיט ציטער ס׳האַרץ אויף מייַן האַנט...

איך גלייב

אין אַ ווינקל פון געמיט
ליגט באַהאַלטן אַ געזאַנג.
מען דאַרף אַ מאָל איין בליק,
עס זאָל אַ רויש טאָן אין האַרץ
וויבראַציעס פון גליק.

און וואָס איז גליק?
אַ שעמעוודיק בלימל,
וואָס בוקט זיך צו דער ערד,
אַ הינדעלע,
וואָס קאָן פון ווערעמל די ווערט.
אַ פויגל, וואָס ציט בלויע טענער
פון הימל,
אַ וואַסער־שפּיגעלע,
וואָס מורמלט אויס אירע לויבן
מיט פאַרליבטן גלויבן.
אַ פינגער־פּאַלמע פון זון,
וואָס ווישט וואָלקנדלעך פון שטערן
און ברענגט פרייד פון געבערן.
אַ רויט פישל אין אַקוואַריום,
וואָס קוקט ליבלעך
ווי מיר גאַפן
און כאַפּט אין די וואַסער ־גריבלעך
די פויגלישע טראַפּן...

דרינג אַריַין אין גן־עדן
פון יעדער שעה און שפּאַן,
וויַיל אין דעם אַלעם
איז פרייד פאַראַן.

אין מיטן וועג


MUSZKA

אין מיטן וועג

דער זייגער שניַידט מוציא׳ס פון טאָג,
און פּאַסן פון אונדזער זיַין.
פּאַרצוקט זיי די שלונג אָן אַ דנאָ —
און שליסט אויף דעם מענטשן איַין.

אַ פלאַטער, אַ קינדישער שמייַכל,
איז צו מייַן טראַכטן פּאַרקנסט, —
אַ מענטש איז געווען — וויפל צייַט ?
דער דויער פון אַ שפּאַס.

מיר דאַכט

די ווערבע
מיט די לאַנגע וויִעס
און גרינע טרערן
לייענט דאָס בוך
פון דער ערד.

קיין שום בוך
האָט ניט די זכיה
און אויך ניט די ווערט,
אַזוי פיל מאָל
געלייענט צו ווערן,
ווי די ערד...

פּאָרטרעט

דער טאָג האָט מיט זײַן זילבער־טאָגע,
מיך געמאָלן הײַנט אויף מײַן שוועל.
אויף מײַן האַלדז האָבן ליכטפּינגער,
אויפגעסיליעט מיר אַ שנירל קרעל.

שטיי איך אײַנגערעמלט אין שפּיגלשאַנק,
ווי אַראָפּ פון זונס פּאַליטע.
פון אַלע ציטערנישן אָפּגעשווענקט
און אַלע פּנים־קנייטשן אויסגעגלעטע.

אײַנגעהערט

דער הימל אין סאָזשע — אַ רענדל אַ שטערן,
נאָר ערגעץ אין מײַן טיף איז אויסגעליכטיקט.
כ'בין אַראָפּ פּאַמעלעך איבער אייגענע וועגן,
זוכן אַ הימל ווו ס'איז אויסגעציכטיקט.

דער וועג צו זיך איז ווי אין אַ רינג געשפּאַנט,
נאָר אויפן דנאָ אַ פענצטערל אָן אָפּן,
ווען אַנטקעגן ס'פּאַרבט זיך אָפּ אַ ניגון־סטראַדיוואַר, —
אַ סימן האָסט דעם וועג צום פענצטערל געטראָפּן...

דער יענעוועלטיקער

(פּאַריזער סילועט)

ווען עס איז נאָר אַרויס דער טאָג פון די גאָלדענע קאָשאַרן,
איז געקומען צו מיר דער מענטש מיטן הילך פון בולוואַרן.

דער יענעוועלטיקער מאַן אין נאַפּאָלעאָנס אוניפאָרעם,
וואָס קיניגט אין זײַן טראַכט — ווי אין האָלץ אַ וואָרעם...

ער שפּאַנט ריטערלעך שטאָלץ אונטער אַלעמענס געלעכטער,
ס׳חלומט נאָך זײַן שווערד אין שייד פון יונג־אַלטע געפעכטער.

ער גייט מיט זײַן שטעקן ווי אַ טעמפּער אויף די בולוואַרן
און האַרט איז זײַן בליק, נאָך האַרטער די שטעכברעמען וואָס שטאַרן.

אַן אַדלמאַן פון פראַק און צילינדער אין דינסט, אין ציוויל —
אָדער אַ קאַפּעל־מײַסטער פון טריאומף־מאַרשן און הײַנט דולדיל...

אַ יונג־ביימל זײַן שטעקן וואָס מען האָט אַנטוויינט פון בליִען, —
פון די בלויזע קנעפּ פון זײַן פראַק לעגענדעס קאָן מען ציִען.

ער דערמאָנט נאַפּאָלעאָן מיט זײַן ראָמאַנטישן שלייער,
אַ שלאַכטמאַן מיט אַ פּאַנצער אויסגעשפּיגן פונעם פײַער?

איידל געבויגן — אַ זאַנג וואָס איז אַדורך דעם מעלויצער, —
אַן אַנטיק־מוזיי וואָלט אים כ׳לעבן געכאַפּט פאַר אַן אוצר...

מיט האָר און מיט מאָך פון יאָרן ווי אַ קלימפּער באַוואַקסן, —
אַ מאַניאַק אַ פאַרברענטער פון מלחמות פײַער־שלאַקסן?

ס׳קאָן גאָר זײַן ער איז איינער פון היינעס צוויי גרענאַדירן,
וואָס פון אונטער דער ערד איז זײַן קייזער געקומען סאַלוטירן...

און געבליבן שוין „אַ היגער״ צום שטוין פון אַלע בליקן —
ווײַל ווי זאָגן דאָרט די פילאָסאָפן וועגן מענטשנס תיקון:

דײַן ווילן זײַן מוז צו ערשט אַ ציטאַדעל ניט צום שטורעמען,
דו זאָלסט זײַן כאָטש אַ טייטעלכל — ווי אַ פעטיש צום באַשירמען...

געוואָלט כ׳האָב אַמאָל אַ פרעג טאָן דעם נאַפּאָלעאָנישן צילינדער,
ווי שפּעט מיינט ער קאָן איצט זײַן אינעם וועלטישן אַצינדער?

פון וואַנען זײַן סענקעוואַטער שטעקן, פון וועלכער דינאַסטיע,
און צו וועלכן גענעאַלאָגישן שטאַמבוים ער פאַרקנסט איז?

נאָר כ׳האָב ניט געפרעגט, בין געבליבן שטיין ווי גליווער־לאַווע;
ווי אַ גולם וואָלט זיך מיר פאַרקליבן אין מײַן טשעקאַווע.

און אפשר פון חלומות אַ טרעגער, נאָך ניט אויסגעוועפּט,
איז אַן אַפּריס פון אַ באַרג וואָס קאַטאַקליזם האָט פאַרשלעפּט?

איך ווייס ניט פון וואַן עס נעמט זיך דער חכם אָדער גאָר דער נאַר,
אין גראָטעסקן געשטאַלט פון נאַפּאָלעאָנישן עקזעמפּלאַר?

עס וויל אַ ביט דערגאַנגענער פירשט פון די אַדל־שטאַלצן,
זײַן אַ נס פון געוויטער אין אייביקייט פאַרשמאָלצן.

ווײַל אויב ער איז הײַנט צו מיר געקומען ווי אַן אַנאָנים,
זיכער זיך אין דינסט צו שטעלן פאַר מײַן דיכטונג־דיסציפּלין.

נאָר איך ווייס ניט צי איז דאָס אין זכות פון זײַן אַדל־עשירות,
ער זאָל גלאַנצן אין דער הערטאַקאָ פון מײַנע שורות...

הספד־ליד

(רעקוויעם)

מײַן טײַערן פרײַנד גרשון עפשטיין

מיט טויזנט שנאָבלען האָט דער טויט דיך דורכגעשטאָכן,
דיך, אַ בינטל בײנער אין אַ באַרג פאַרגײַסטיקט,
דײַן לעבן ביסט געזעסן — אַ שערבל אַ צעבראָכן
איבער ספרים, אויף דײַן שטול ווי צוגעשווייסיקט...

איצט ווי שוואַרצע שורות אויף אַ בלאַט אַרויפגעבלײַט,
אויף דעם עולם־מת אַ רוקן־בויגן מענטש און פרײַנד
שטראַמט אַ שטומער שותפות־צער צו דײַן אַרויפבאַגלייט,
ווו שלאָפן, דו ווּעסט פרווון שלאָפן רויִק הײַנט.

אַ לאַפּעטקעלע ערד און אַ תּפילה אויסגעגאָסן,
און דאָס בערגעלע פאַרצויגן מיט אַ טרער פאַרווייכט. —
פאַר דײַן כבוד ווערט דאָרט אויבן זיבן סאַלוועס אויסגעשאָסן,
ווײַל אין הייכן צו דײַן טרוים — האָט דער וואָרעם דיך דערגרייכט...

גרוי

ווי לאַנג וועט מײַן ליד זיך די אויגן אויסקוקן,
נאָך אַ שטראַליקן נס פונעם בלוי ?
אַז דאָס ווינטער־פּנים מיט די מירמלנע בליקן,
זאָל צעגיין אינעם זאַלץ פון מײַן „אוי".

איך שפּאַן איבערן שטוב אַראָפּ און אַרויף,
ווי דורך אימפּעט פון ווינט געטראָגן.
כ׳וועל לײַכטער שוין עפּעס אויסנאַרן פון שלאָף,
וואָס כ׳קאָן אין דער וואָר ניט דעריאָגן.

כ׳גיי אויף אין מײַן ליד דורך וואָלקן־פליגל,
ווי כ׳וואָלט אַ בשמים־רויכל געווען...
באַשלאָגן מיט שווייס, ווי מיט זילבער אַ שפּיגל —
ווו נאָך עמעצער קאָן זיך דאָרט זען...

ליכט

ס׳איז דאָ אַזאַ שעה ביַי דעם מענטש,
ווען עס העלט ווי אַ סנה זיַין געמיט.
כאַפּט מען די שעה פאַר דעם צוים
און מען טאַנצט מיט איר אויס אַ ליד.

וואָס דען זאָל מען טאָן מיט דער פרייד,
וואָס לעבן באַגערט אין געשטאַלט,
אַ טראָפּן ווי קוועקזילבער־בלוט,
וואָס שפּרינגט אַרויס פון באַהאַלט?

אָ די שעה, אַ זעלטענער גאַסט —
און די ווערבע וואָס וואַקסט פון געוויין,
האָט פאַרהויבן זיך הימלדיק הויך
און צעלאַכט זיך הילכיק און ריין.

דאָס ליכט פון אַ געטלעכן לוין,
וואָס פאַרגיסט ווי אַ לאַווע מיַין גוף —
איז אפשר דאָס ליכט גאָט אַליין,
וואָס קומט פון אַ וועלט־וויַיטן רוף...

טעאַטער

שווערע טאַטשקעס מיט אומעט
רעדלען
הינטער מײַן פענצטער.
סטאַטיסטן לויפן.
מענטשן־שאָטנס, —
די קורטינע עפנט זיך...

ווײַסער דעקאָר.
איך אויף אַ בעטל —
אַן אַראָפּגעפאַלן בלאַט
איבער שניי...
שפּיטאָל־ווײַסקייט
שנייט איבער מיר.

מיקסטורע:
כ׳שלינג
מעטאַלענעם גלאַנץ,
ביטערן טעם,
מלאכים־שמייכל...

דאָקטער:
„איַיער פּראָפעסיע, מאַדאַם?"
— א י ך ש ר ײַ ב ב ר י וו ל ע ך
צ ו ג אָ ט, —
זעגן האָלץ מײַנע ציין...

דאָקטער:
„הממממ..."

איבער מײַנע אויגן
פֿאַלט אַ ווײַס טוך.
עס שטאַמלען מײַנע הענט —
כאַפּן זיך אָן אין דער לופט...

פרעמד

דער טערמאָמעטער גליצערט צעשפּרונגען,
קייקלט דער קוועקזילבער זיך אויף צעמענט.
פֿאַרשפּילט זיך מײַן אויג מיט זילבער־קרעלן,
איך קלײַב — נאָר עסליידיקן מײַנע הענט...

ס׳קומט־אָן די נאַכט אין ווײַסינקע זאָקן
און טוט־אָן די ביימער טאָגעס פֿון שניי.
קוועקזילבער־שטערן צינדן די שויבן —
און ס׳שפּיגלט די נאַכט זיך אין זיי.

איבער מײַן קאָפּ זיך שפּולעט אַ פֿאָדעם
אַרויף און אַראָפּ אַ שפּין־טראַפּעזיט.
פֿון אונטער מײַן פֿעדער גליט דאָס פּאַפּיר —
מיט אַ פּנים פֿון אַ ייִד...

אלול

אלול־טעג און בלעטערפֿאַל,
שוין עס נאַקעטן דיביימער.
זיבן וואָלקנס זיבן גרויל
שפּינען אויף מײַן שויב דעם לאמור:

מיט בלויען שריפט פון דעם קאַיאַר
פלעכט פון טעג אויס די סך־הכלען.
גרייט דײַן חשבון שאַרף און קלאָר
מיט די ספקות און געוואַקלען.

ס׳איז מײַן האַרץ אַ גרינגע האַרף
און זי וואַרפט אַרויף געזאַנגען.
שנײַדן סטרונעס דימענט שאַרף,
צו דער אייביקייט דערלאַנגען.

אלול־טעג און בלעטערפֿאַל,
זאָל געזאַנג דעם אלול זאַלבן.
שפילט פון האַרץ אַרויס אַ שטראַל,
ווערן וואָלקנס זיבן שוואַלבן...

פאַר אַביימל

גאָטס גײַסט וווינט אין יעדער פלאַנץ, —
ווי קאָן דאָס ביימל אויסהויכן זײַן אָטעם?
און ווי נאָר גײַסט בלײַבט ער דויעריק גאַנץ.
וועל איך אויסתּפילה'ן אַ שירה־קראַנץ,
אַז גרינען ווידער זאָל זײַן גלאַנץ,
ווי גן־עדן־האַנט האָט געמאָלט אים.
גאָטס גײַסט וווינט אין יעדער פלאַנץ —
ווי קאָן דאָס ביימל אויסהויכן זײַן אָטעם?

צווײ לידער צו ריקודה פּאַטאַש

א.

געוואָרן איז דײַן טאַטע אײביק לעבן,
אַזױ װי שׂכל לעבט אַזױ װי גײַסט.
עס װעט נאָר װײַנען און ניט לײַכט פֿאַרגעבן,
זײַן תּהילים אין אַ פּוסטן קרײַז.

אױך טױטע זאַכן קאָנען זיך ניט שענקען,
זײ װעלן לאַנג נאָך מאָלן דיר דײַן טאַטן
און בױערן אַ נעסט אין דײַן געדענקען,
ביז ס׳װעט די צײַט אַלץ מאַמעדיק פֿאַרגלאַטן.

אַרױס װעט אַלץ אין רױם אין אַ פּאַראַד:
דער קיטל אָן אַ גוף, דער טלית־תּפֿילין —
און אַלץ װעט שטעלן זיך פֿאַר זײַן גענאָד,
װי דער שליסל פֿון זײַן פֿרומען װילן.

דײַן קאָפּ אױף מיר אַן אָבלדיקע שקיעה,
און שװער איז מיר אַ טרײסטװאָרט דיר צו טראָגן.
מײַן מױל אַ קרומער אײַנריס װי פֿון קריעה
און מײַן צונג איז װי אַ ספֿינקס געשלאָגן...

ב.

ריקודה,
יענע נאַכט
האָב איך געקאַמט
זילבערהאָר פֿון אַ מלאך;
פֿון אַ נאַר,
װאָס מען רופֿט חלום.

הײַנט פּרי,
אַן המוציא געמאַכט
איבערן טאָג
מיט זאַלץ פון דײַן צער.

ריקודה,
דער טאָג
איז אַזוי גלאַט און דין
ווי צעלאָפאַן,
נאָר דײַן בריוו אין מײַן האַנט
פאַרשווינדט
אונטער אַ טומאַן
פון ביטערע טראָפּנס...

ריקודה,
אין מײַן צירונג־קעסטעלע
איז ניט אַרײַן דײַן טרויער.
און ווײַל ר׳איז מיר
הימלדיק ליב,
האָב איך אים אַרײַנגעטיפט
אינעם טאָל צווישן מײַנע בריסט —
און אויך דאָרט
איז אים צו ענג,
ווײַל פּײַן
דאַרף אַ וועלט אַליין!

ריקודה,
איך לאָז מיך אַראָפּ צו דיר
שבעה׳דיק;
און איצט,
בויג צו דײַן אָבלדיקן קאָפּ
צו מײַנעם —
ווען אַלע חכמות
ווערן אַבסורד!...

„אַ בולקע מיט פּוטער"

ריקודהן צו דעם ערשטן יאָרצײַט

ריקודה,
דו איינזאַם צעפלאָסן וואָלקנדל,
צווייאייניק מיט דײַן ברודער מרדכי!

ווען דער פירשט פון טויט
קײַכט נאָך פון זײַן אײַנפאַל,
טוען מלאכים דיר אָן
שטערן־קראַנצן,

און דײַנע פּאָעטן־ברידער,
בלאָזן־אויף די פונקען פון דײַנע לידער —
און לירישע קרענצלעך,
וואַרפן דײַנע פּאָעטן־ברידער,
דיר צו פוסן.
זיי ווייסן,
דאָס איז דײַן „בולקע מיט פּוטער",
מײַן פרײַנד.

נאָר פונקען קאָנען קיין אײַז ניט צינדן,
ווי אײַז קאָן קיין אײַז ניט שמעלצן.
סײַדן,
גאָטס אַ פינגער וועט וועלן,
דײַן קבר'ל אויפהעלן,
דו זאָלסט דורך דער קאַלירטער שויב
פון אַ דימענטענעם בליץ,
אַ קרומען שמייכל טאָן פאַר זיך
און פרעגן: —

„דאָס מיינט מען טאַקע מיך?"...

פון אַ שפּאַס...

מיטן שטראַלנדיקן אויסשפּרייט
פון באַגין,
בין איך אַרויס
מיט אַ דלאָניע אַש.
כ׳האָב פאַרברענט
דײַנע בריוו, מײַן פרײַנד!
שמעקן איצט מײַנע הענט
מיט זיסשאַפט פון יוגנט...

מיטן דימענט פון מײַן פינגער,
וועל איך אויפשנײַדן אַ פּאַס ערד
הינטער מײַן פענצטער
און פאַראַקערן די זריעה —
מײַן יוגנטלעכן סוד.
מײַן האַרץ
וועט מיך באַגלייטן
צום פאַרזיי,
מיט הילכיקע טריט
פון מיידלישער שטיפערײַ.

און פיבערדיקע פרייד,
גיין וועט
יעדן פרימאָרגן
אַרײַנלאַכן
אינעם ליכטיקן גײַסטיקן
קברל,
אויסגעוואַקסן
פון אַ שפּאַס...

פרילינג

דער ווינט רויכערט די גראָזן
און דער פרילינג צינדט זײַן גרין. —
מײַן קאָפּ איז אַ זילבערנער מסור, —
אונטער מײַנע הויטן פלאַקערט אַ זון.

אין אַנגסטיקע מינוטן פון טויט,
האָב איך פאַרברענט דײַנע בריוו.
אַ פונק פון אַ פײַער־רענדל
רויכערט איצט אין מײַן געמיט.
דער ווינט פון צײַט
האָט אים דאָרט צעבלאָזן.

טייל מאָל קאָן מען ווערטער
ניט פאַרברענען אין גאַנצן;
זיי וואָרצלען אין דיר
ווי אייביקע פלאַנצן.

יוגנט־ניגון

אַ וואַסערוועדק פון שנייפּונקען,
מיך ליכטיקן אויס ביזן דנאָ.
ס׳האָט היינט אין מיר אויפגעזונגען
פראַגילע יוגנט־סאָפּראַנאָ.

האָב איך מיין יוגנט געפונען,
פאַרהאַלט איך זי פעסט ביי איר צוים.
אַ טרוים איז צו מיר צוגעשווומען,
געאַנקערט אין שלווה פון רוים.

אַ פּאַראַד פון יום־טוב טעג,
פראַגילע יוגנט־סאָפּראַנאָ —
אין ווייסער שעה פון אַ זונפלעק,
טרינק איך ביז דנאָ דעם שאַמפּאַניער.

צו דער אויסשטעלונג פון אַדאַם מושקאַ אין פּאַריז

(אַקראָסטיך)

אַ גן עדן־חלום פֿאַרביק אויפֿגעלויכטן,
די גאַלעריע בליצט מיט בילדער פֿון שטעטל אויפֿגעטויכטן.
אַ פּאָר לייכטער ווי צעבויגענע וואָגלער אין שטורעם —
מיט זאָרג טראָגט אַ פֿרוי די שטאָט אויפֿן קאָפּ ווי אַ טורעם...

מוטערל קונסט, שטראַל מיך אָן, באַשטים מיר דעם טאָן,
וואַרף אויף מיר דײַן שײַן און מײַן פּען שיכור אָן.
שכינה יומטובט — פֿאַר דעם חורבן דעם ווײַטן,
קומען מיט סימבאָלן, מיט בשמים פֿון צײַטן.
אַ קינסטלער האָט פֿון וויוגעס ליכט געשלאָגן,

פֿאַר די קומענדיקע דורות פֿאַרטאָגן.

צופאַל

אורלי שלום — אין פרײַנדשאַפט

„וואָס טראָגסטו טאָג אין דײַן רענצל ?"
פרעג איך סתּם אַזוי דעם ווינט.
פאַלט צום שויב אַ ליכטיק קרענצל,
פאַרקעמט אַ רעגן־בויגן שרינט.

שמייכלען ברייט אויף מײַנע אויגן,
פאַרבט אין מיר אַפֿ אַזאַ פרייד,
איבער דער בריק פון רעגן־בויגן
שפּאַנט אַ צופאַל אין שײַן פאַרקליידט.

פלאַנצט דער טאָג אײַן זיינע שעהען,
וואַקסט זיך אויס אַ וואַלד מיט צײַט.
פון די טיפסטע בלויע טלאָען
ווערט פלוצעם נאָנט די ווײַטסטע ווײַט !

קומט דער צופאַל מיר אַנטקעגן
און מיר נעמען זיך אין טראַנס.
ס׳וויגט אַזוי דער ווינט אַ רעגן —
אַ וווּנדערלעכער קאָנטרעדאַנס...

★

די געאַנטע פרייד
אַלע מײַנע פּלענער־בליטן
אין וואָס כ׳האָב מיך היינט באַקליידט,
האָט דער ווינט צעראָפּגעשמיסן,
אין אַ קאַראַהאָד געדרייט.

עס קאָכט זיך דער פּרילינג
אויף האָגל פון ווינט.
כ׳זע אויס ווי אַ צווילינג
צו דעם אָפּגעפליקטןביימל,
פון זײַן ווײַסן געשפּיק...

★

ס׳איז טייל מאָל אַזוי רויק,
זײַד־גלאַטיק דײַן געמיט,
דײַן פּלאַן איז אָפּגעטאָקט,
רונדיק אויסגעגליט.
ווי וווּנדערלעך דײַן ווילן,
נעמט זײַנס מאָדולירן —
און שטויבענדיק צופאַל
טוט דיך פאַרפרירן!

אויספּלאַנירט און צוגעטראַכט —
און דער טײַוול לאַכט!...

ניין, איך וועל קיין פוילן מער ניט פאָרן

ניין, איך וועל קיין פוילן מער ניט קאָנען פאָרן,
ווײַל אין יעדן הויז אַ מצבה וועל איך זען.
האַס האָט דאָרט געברענט מײַנע קינדער־יאָרן —
און קיין תיבה אינעם בלוט־מבול איז ניט געווען.

חודש ניסן, איך הייב פאַר דיר דעם בעכער צו לחיים!
ס'איז יאָרצײַט־יום־טוב און הייסן זאָל ער „ווי און ווינד",
עס האָט די גבורה פון אַ הײַפל פאָלק פאַרטײַעט,
ביזן לעצטן אָטעם זיך געשלאָגן קייט און קינד.

די געטאָ־מויער אין בראַנד פון דער מגפה,
אויפן גרונט פון בלוט מיט אַש צונויפגעמישט,
ווו ס'האָט דעם פײַערטאָפּ געצונדן די מכשפה,
איז ווי אַ חתימה אויפן זאַמד געוואָרן אָפּגעווישט.

אַ בלויען בילעט אויף מײַן לעבן כ'האָב געוווּנען,
באַקומען כ'האָב דעם נס אין תפיסה־קאַשמאַר.
אין זײַן אָרעם האָט דער טאָג מיך צוריק גענומען,
כדי מיך ווידער אין קאַרצער־חלום געבן אַ פאַרשפאַר.

ניין, איך וועל נאָך פוילן מער ניט קאָנען פאָרן,
צעמישטע ווינטן פײַפן דאָרט אויף קבר־אָבות.
אַזוי איז אָנגעשפּאַנט שוין מײַן זכרון,
אַז יעדע נאַכט איך פאָר אַ היין דאָרט במחשבה.

געדאַנקען איבער גרענעצן

שטילקייט נעמט מיך אַרום
מיט בלעטערדיקע הענט
און טראָגט מיך צו גרענעצן,
שוין לאַנג ניט באַטראָטענע.
אָט שטעלט זיך פאַר מײַן אויג
אַן אויסגעחלומטער שטיין,
פון מײַן אַלטער היימערד
מיט אונדזער אַש באַשאָטענע.

אַ קבר פון שטילקייט טויכט אויף
און אין שטיין כ׳מאָל מײַן מאַמעס פּנים.
כ׳זע זי שפּאַנען אויפגעלאָפּן פון רייד
צו די „אויסגעלײַטערטע נשמות"
און מיט טענות, וואָס קומען מאָגען,
ווי ניט געצאָלטע חובות...
זי שנײַדט די ערד מיט אַ דימענטטרער
און בעט דעם סוף צו „פּרנסה, מלחמה!"

אויף קבר אָבות וועט שוין קיינער ניט קומען מער,
דאָרט הערשט איצט די טומאה!

אין די בערג

ווי גוט איז אין די בערג מיט פעלדזיקע האַנגען,
עס שמעקט די לופט און ס׳שמעקן די געדאַנקען.
די ליכטשטאַט פּאַריז, ווערט אַן אַמעריקאַנער מאָדע.
הײַזער דרײַסיק־שטאָקיקע, יעדער הויז אַ קלאָדע,
ווו מען עטעמט די שעהאיקע מעת־לעתן פון בעטאָן —
אַ שטאָט פון אײַזן און מיט רויך־קנוילן אָנגעטאָן.

פאַרטשאַדעט ווערן גרעזלעך אין מאָגערע סקוואַרן —,
פאַרשטאָפּטע שאָסייען, פאַרשטאָפּטע טראָטואַרן.
יונגע אָרעמס געשלאָסן נעמען אײַן די גאַסן.
ניט קיין קאַרנאַוואַל — אַ בונט מיט מאַסקעס און גרימאַסן.
אַוודאי ס׳איז קלאָר, פלעגנער וואַקסן ניט אויף ביימער,
מען דאַרף גלעטן די קייטן און רײַסן מיט די ציינער.

קעמפט מען און מען שטרײַט, פון „דיריגענטן" אָרקעסטרירט;
אַ וועלט פון פויסטן, מלחמות און מען „קאָנטעסטירט".
יעדער שאַפט אַ גאָט און מען טראָגט אים אויף פּלאַקאַטן,
מיט ברודערהאַס און מענטשנהאַס איז די וועלט פאַרקראַטעט.
איז מיר גוט אין די בערג צווישן פעלדזיקע האַנגען,
ווו עס שמעקט די צײַט און ס׳שמעקן די געדאַנקען...

כ׳וואָרט...

ניט געקומען צו דער צײַט איז הײַנט מײַן ליבער,
קרײַצן מיך משונה געדאַנקען אַריבער.
טויש איך אויס געוווינהייטן געטרײַ מײַן פֿאַרשטאַנד —
און גיב אַ פּרווו מײַן פעדער מיט דער לינקער האַנט...
קריכן אויפֿן העפט לבנות לאָמע, קרומע —
רופֿ איך קריק געוווינהייטן די בעסטע שווימער !...
דעם שכנס שלאָף באַפֿאַלט מיט זעגן מײַנע ווענט,
פֿאַרשפּאַר איך די לאָדנס, פֿאַרפּעסטיק מיטן פּרענט.
דער אַבאַזשור פון שרײַבטיש לעשט די גאַרדינען —
פֿאַרלייגט די נאַכט איר שפּינדל און נעמט שפּינען.
ס׳געמעל פון מײַן שאָטן, פֿאַרשפּרייט זיך מיט העזה —
ווערן פינגער איבער ווענט שלאַנגען מעדוזע...
מײַן שאָטן וואַקסט אַלץ ברייטער — ימיק צעכראַסטעט,
שפּיל איך אויס מיט מײַן האַנט — אַ בוים קאָרעניאַסטן.
געפֿעלט מיר שוין די שפּיל, כ׳וועל אין איר אַנטרינען
און צי פון די שאָטנס פייגל אַלע מינים.
דער דרויסן איז שטיל, די שאָרכן אונטער ריגל,
האַסטיקן געדאַנקען, טאָן מיך אַ צעוויגל...
ברענען אויס די שעהען אין שאָטנס געפֿאַנגען,
כ׳וואָרט — און דער זייגער האָגלט אויף מיר מיט קלאַנגען.

יוגנט־עדות

ווען מײַן האַנט באַגעגנט פלוצעם מײַנע יוגנט־לידער,
פאַלט אויף מיר אַ בויגנשײַן — ווי כ׳זאָל זײַן אַ פונקט צום ציל.
סדרן זיך אויס מײַנע פרילינג־ווײַטע טעג ווידער —
וו׳אַ כאַפּטע חברטעס, וואָס ציִען מיך אַרײַן אין שפּיל...
קלויב איך די ווערטער, זיי ווערן ווידער מיר אינטימע,
וויקלט אויף זיך מײַן יוגנט ווי אַ העלער זונאויפגאַנג
און כ׳געפין אין איר אַ גלגול פון מײַן עכאָ־שטימע,
וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין גרינעם טאָל פון געזאַנג.
אַ ווערטערפלוס געלײַטערט דורך סכנות־פײַערן —
וואָס זינגען צו מיר בעטנדיק אַ טיפן רעוועראַנס ;
זיי לאַשטשען זיך צו מיר, איך זאָל זיי אייביק טײַערן
און רירן אין די טיפן אָן אין מיר אַ נײַעם טראַנס.
נעם איך שורות צעשמעלץ דעם גאָלדשטויב פון צײַט פאַרקילטער,
ווי אין מײַנע חברטעס כ׳ווער ווידער אָנגעפלאַסן,
איך צערטל אויס יעדן אות ווי אַ קינד אַ פאַרשפּילטע
און שלײַף זיי — ווי אַ מאָל די קערן פון אַבריקאָסן...

אין האַרבסט

אַ טויטער בלאַט פון בוים,
האָט מיך הײַנט באַלעבט
מיט זײַן לעצטן טויטשפּרונג.
אַן אויסגעשוויגענער בלאַט,
וואָס גאָטס פינגער
האָבן באַלזאַמירט,
האָט אין אַ ווינקל פון מײַן צימער
זיך אײַנקוואַרטירט.
ער שמעקט מיט אַלע סודות
פון פאַרלאַנג —
און אין קרײַז פון לעבן,
וויל ער ווינען —
אַ געזאַנג...
אַן אָפּגעלעבטער,
מיט דער זכיה פון שיינקייט
אויסגעגלעט,
האָב איך אין אַ בוך,
אַ געזאַנג־געלעגער
אים אויסגעבעט.

*

דער ווינט שטורעמט
אין מײַן פענצטער אַ געוויטער.
לאַשטשען זיך צו מײַן שויב
ווי זשיפּענדיקע פייגל, —
די געפּעכטע טויטע בלעטער.
פּײַכטע גלעקלעך קלינגען
פון די הוילע צווײַגן,

ליכטיקן ווי טרערן
און טײַכעלעך ווערן.
נאָר איין בלעטל ווי אַ הענדל,
אַ גרינער רעבעל,
פּלאַטערט קעגן אַלע פיר ווינטן
און וויל ניט קומען
צו גאָטס שוועל!

דאָס בלעטל איז ווילן.
אַט דעם בלעטל
וועל איך בויען אַ מאָנומענט,
אַ טורעם.
ווילן איז שטאַרקער פון אַלע שטורעמס!

אַמעריקאַנער בלומען

די פּלאַסטישע בלומען,
פון ניו־יאָרקער שוועלן
שפּעטן מיט לעבעדיקע קאָלירן
און גנבֿנען זיך דורך אַלע פּענצטערלעך
פון מײַן טראַכטן —
נאַרן און פֿאַרפֿירן.
אויף חלום־טראָטואַרן זיי קומען,
פון אַלע שטובן שרײַען זיי
מיט פולע בעכערס שטויב!

דורך זייערע געשליפענע בלעטער
זע איך די ניו־יאָרקער הײַזער,
וואָס פֿאַלמעסן דעם שאַרבן פון הימל,
אַריבער דעם הימל,
העט־העטער.
זיי ברענגען פֿאַלשע,
חלום־ליגנערישע בלומענרייד.
זיי קומען זיך רייצן מיט מיר,
מאַכן מיד
און שטעכן זיך אַרײַן
אינעם שוואַרצאַפּל פון מײַן ליד.

דורך טומאַנען

מײַן פּנים גרימאַסעט אַרויס פונעם אײנדזל פון דער לבנה.
אויף אַ קייטל פון שטערן שפּרינגען קינדער צעשפּילטע.
עמעץ דערלאַנגט מיר אַ בלומען־בוקעט — יובל־מתּנה
דורכן פענצטער, וואָס לופטערט מײַנע געדאַנקען צעדרילטע.

וואָס זענען בלומען? אַ קאָלירטער גרוס פון ערדישע וואַזאָנען;
ווייכע סעראַנגאַס, בלוטיקע מאַנדלעך און ראָזיקע בעלקן.
זיי קומען נאָר מײַן אויג פאַרפירן מיט זייערע פאַסאָנען,
בלומען ניויאָרקישע, טויטע, וואָס קאָנען ניט וועלקן.

זיי זענען געוואָרן פון אינדוסטריעלן פּײַער צעגליטע,
פּלאַסטישע פלאַנצן, אַ דראָטן־דעקאָר פאַר אַמעריקאַנער היימען.
זיי האָבן מיך פאַרבלענדט און פאַרבלעפט — צו זייער חוזק געשמידטע
באַצוווּנגען מיך מיט מײַן אָטעם, באַלעבן זייער שיינהייט געהיימע.

שוואַרץ — אויף ווײַס...

דעם דיכטער שלמה שוואַרץ

פּאָעט,
דו בויסט פּאַלאַצן
פֿון לידער,
אַרכיטעקט פֿון וואָרט,
„וווּנדערלינג !"

כאָטש דער אײַנטריט איז פֿרײַ,
דאַרף מען שליסלען צו זיי.
נאָר יחידים
שפּאַנען אַריבער די שוועל
פֿון די פּאַלאַצן
אָן אַ שטרויכל.

דאָרט אין דײַנע „וווּנדערלינגען",
זייעט די צײַט
אַן אָריגינעלער זייגער.
איך באַזיץ דעם כּישוף־שליסל.

ווען לבֿנה באַרירט מײַן קישן,
צי ווען דער פֿאַרטאָג
שײַערט אויס די נאַכט־מאָמיעס
פֿון די ווינקל־נישעס
אין יעדער שעה,
צו יעדער צײַט,

װען פֿאַרלאַנג האַלדזט מיך,
מאַך איך אויף
דעם דופּטיקן טויער
פֿון דײַן בוך: „װוּנדן און װוּנדער".

ס'איז ניט קיין פּאַלאַץ
מיט אַ לאַקײ,
דער אײַנגאַנג איז פֿרײַ
נאָר ניט יעדער איז זיכער
מיטן טראָט —
גלאָזיק גליטשיק
איז דער באָדן דאָרט...
װוּ מען װערט באַגאָסן
מיט ליכטקלאַנגען
פֿון די פֿאַרבן פֿון װאָרט.

איך באַזעץ מיך אין דעם קרײַז
פֿון אַלע מוזעס,
פֿאַרזוך די אַמבראָזיע
און טרינק דעם הימל־נעקטאַר
געניס דעם באַל פֿון די געבענטשטע.

פּלוצעם,
פֿאַרשװינדן די מוזעס.
שפּילט אויף אַ בת־קול
פֿון אַ װאַלקנדל פֿון עטהער.
זע איך דײַן מאַמע.

אַ געלײַטערטע פֿון לײַדן
באַווײַזט זיך אויף דײַן באַבעשי
מיט אַ תהילימל
פֿון גן־עדן.
איך זע זי פֿאַרמענטשט.
זי קוקט דורך די פֿענצטערלעך
פֿון דײַן היכל
און זי שמייכלט...

זי איז זיכער,
זי ווייס,
אַז דאָס איז דײַן ציטאַדעל,
וואָס באַשיצט דיך פֿון בייז,
יאָ,
וואָס באַשיצט פֿון בייז
איר
„וווּנדערלינג!".

ערב־פרייד...

אײַנגעוויקלט אין אַ העמדל
פון פרייד,
בין איך אַ גאַנצע נאַכט
געלעגן געשפּאַנט
אין אַ טורעם פון ליכט!
אַ ניט געשטויגענע פרייד
האָט מיך פאַרווירט.
און דאָך,
האָב איך האַנט בײַ האַנט
מיט מײַן געדאַנק,
געקירעוועט די פרייד
צו מײַן טיר.

אין דער פרי,
געלעגן כ׳בין מאַט —
אַ מידער בלאַט אויף ד׳רערד.
אויפן הימל
איז געשווומען אַ וואָלקן־לוויתן —
און ער
האָט פאַרשלונגען
מײַן שמחה וששון!

נאָר איך בין געוואָרן
ייִנגער פון צײַט,
ערב פרייד...

פּאַרטרויען

ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט מיך אַ ליגן גענאַרט
און געטראָגן אויף אַ ליכטיקע כוואַליע.
בין איך זיכער — מײַן פרייד האָט שוין אָפּגעסמאַליעט,
האָט מיך אַ גאַנצן טאָג, דער געדאַנק פאַרצערט.

ס׳האָט אין מיר אַזאַ חלום געבליט
און נצחון האָט מיך געזעצט אויפן פערד!
איז אַרײַן אַ שד און אַלץ איבערגעקערט —
און כ׳האָב בײַ מײַן אייגענעם נאַר פאַרשפּילט...

אונטערוועגס

יעדן מאָרגן אינעם ווערלדל צווישן גרוי־בלויע טלאָען,
מיט אַ גאָרטן־גאַרטל מײַן טאַליע אַרומגעגריבט,
קומען אַלע טאָלן, סודות צו מיר זיך פֿאַרטרויען
פֿון טויזנט אויערן־שטילקייט אַרומגעשפּינט.

ווי גוט איז דאָ זומערדיק די שלווה צו באַוווינען,
פֿון די פּענטעס אײַזערנע פֿון וועלט אַרויסגעוויקלט
מיט געדעמפּטע ביימער אויפֿן פֿײַער פֿון קדמונים —
נאָנט צו גאָט, וואָס האָט פֿאַרבן אויף דר׳ערד אויסגעציקלט.

ווי זיס געמיטלעך ס׳קלאַפּט דער דופּק אינעם בלוטאָדער
און פֿלייסיק העלפֿט פֿאַרמעקן אַלע בייזע נעכטנס.
פֿון אַלע שליחותן, געוואָרן כ׳בין אַ טרובאַדאָר,
אַלע גאָטס שיינקייטן אין סנאָפּעס צו פֿאַרפֿלעכטן.

אַלע שיינקייטן — ווו איך צווישן קלאָמערן ניט דרײַסטיק,
בעט — מײַן גופֿניות אין דער מיט זאָל אויך ווערן פֿאַרגײַסטיקט...

נאָך ניט

כ׳האָב נאָך ניט אַלע בליצן אויסגעבליצט.
נאָך ניט אַלע כמאַרעס אויסגעוויינט.
טייל מאָל איז טאָג זיגזאַג — פאַרשפּיצט,
אַז איך פאַרב די ליפּן מיט די ציין...

טייל מאָל איז יעדער טראָט אַ שטיג פון אײַז,
איך זוך אַן אָנשפּאַר אין חלום־האַנט —
און יעדע שעה אַ פּויסט וואָס דראָט מיט בייז —
ווי דער נאַר וואָלט זיך באַזעצט אין מײַן פאַרשטאַנד.

נאָר הייבט מיך ווילן אויף פון שפּרונג צום פלי,
טראָג איך אויס מיט העראָישקייט מײַן יאָך.
ווי פרילינג צינדט אויף צווײַג דעם פרישן בלי,
פּולבלוטיק ווערט מײַן לעבן אין זײַן תּוך!

מײַן פעדער

ישראל׳ן

מײַן ליד איז ניט פּשוט אײן ציר,
אויך ניט פֿאַרשלײערט מיט הערנער.
כ׳האָב ליב פֿון מײַן פעדער דעם הונגער,
וואָס פּיקט אויף פּאַפּיר —
ווי אַ פויגל קערנער...

זאָל זי פּיקן די קערנער
פון צעוואָרפענע פרייד און פאַרלאַנג;
פון די טעג אין אַטראַקציע־גאַלאָפּ —
זאָל זי פּיקן נאָך גערנער,
אָ, פעדער, מײַן שליסל־געזאַנג!


MUSZKA

װשאָו דע לאַ פֿאָנטען: משלים

איבערזעצונגען

די זומפליג און די מוראַשקע

די זינגערין מיטן צעלאָפאַן־טוניק,
האָבנדיק געזונגען אין צײַט ווען ס׳איז זוניק,
האָט זיך אַרומגעזוכן
ווען ס׳האָט בלאָזן גענומען,
אַז זי האָט ניט קיין ברעקל פֿאַרן גומען,
קיין פֿליגעלע, קיין שטויבל.

ווען דער הונגער האָט גענומען באַגן,
איז זי געלאָפֿן זיך קלאָגן,
בעטן פֿון דעם אָפּשפּאַר פֿון איר שכנה,
וואָס לעבט פֿון אַרבעט און טראַכט פֿון מאָרגן, —
עפּעס עסן אויפֿן טויטן סעזאָן באָרגן.

כ׳וועל אײַך אָפּגעבן מיט פּראָצענט;
איך זאָג ניט סתם,
איך שווער בײַ מײַן שטאַם!

די מוראַשקע האָט אָבער באַרגן פײַנט,
דאָס איז איר מינדסטער פעלער, שײַנט...
— וואָס האָט איר געטאָן אין די הייסע טעג ?
— כ'האָב געזונגען,
האָט זי אַ פּאָך געטאָן מיטן שלייער דעם שיינעם.
— איר האָט געזונגען ? נו גוט מײַן שכנה,
איר זענט בײַ מיר ניט קיין מערייניע.
— יאָ, כ'האָב באַגײַסטערט יעדן איינעם
און געזונגען פאַרן ציבור.
— ציבור, שמיבור —
און מיטן פאָרוואורף פון : „פּרימום וויוועריע"...*
געענטפערט האָט שטאָלץ די מוראַשקע :
— איר האָט געזונגען ? צום ערשט דאַרף מען קײַען,
איצט גייט אין אַ טאַנץ זיך דרייען.

* „פּרימום וויוועריע" (Primum vivere), אויף לאַטייניש „צו ערשט לעבן" איז אַן אַנטיקע לערע, דורך וועלכער מען לאַכט אויס די וואָס פּי־לאָסאָפירן און דיסקוטירן, אָבער זענען ניט פעיִק צו שאַפן זיך אַן עקסיס־טענץ־מעגלעכקייט.

די טשאַפּליע, דער פֿײַנשמעקער פֿון פֿיש

אין אַ טאָג איז אַוועק ערגעץ־ווו אויף זײַנע שטעקלפֿיס
דער פֿויגל מיטן לאַנגן שנאָבל ווי אַ שפּיז,
צו אַ טײַכל אויף אַ לוסטשפּאַציר.
דאָס וואַסער דורכזיכטיק ווי אין שענסטע טעג.
מײַן פֿרײַנדין ס׳קאַרפּל האָט געפּעכערט די כוואַליעס מיטן עק
אין איינעם מיטן שלײַען איר שכן.

דער פֿויגל האָט גלײַך געקאָנט געניסן
פֿון די פֿיש בײַם ברעג — דעם פּעטן ביסן.
נאָר ער האָט זיך ניט געאײַלט;
געקוקט אין טײַך ווי ער וואָלט די פֿיש געציילט,
געוואָרט ס׳זאָל אַ נאָג טאָן דער אַפּעטיט, —
ער האָט זיך אײַנגערעדט אַ דיעטע, נאָר עסן צו דער צײַט.

דער פֿויגל מיט זײַן אַרשיניקן האַלדז האָט שטאָלץ און גלײַך
מיט זײַן פֿויגליש געגנגל שפּאַצירט בײַם ברעג פֿון טײַך,
וואָס געווימלט האָט מיט פֿיש אַזוי רײַך
און געזען לעשטשלעך פֿון טיפֿן זיך שפּאַרן.
די סעודה איז אים נאָך ניט געפֿעלן, געמאַכט גרימאַסן,
זיך געקרומט ווי דער שטשור בײַ האַראַצן.

איך מיט לעשטשלעך — זאָגט ער — אַזאַ אָרעם מאָלצײַט —
האָט דער פֿויגל געקוקט, זיך פֿאַררייסן מיט גאווה,
ווען ס׳האָט אַ טאַנץ געטאָן צום ברעג אַ פּישעלע אַ זשוואַווע.
דאָס זאָל זײַן מײַן מאָלצײַט, פּאַסט דאָס פֿאַר מײַן סגאָל?
זאָל גאָט מוחל זײַן, כ׳וועל ניט נעמען אויף מײַן גומען!

אַזאַ פּיצלס, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען.
געעפנט האָט ער אָבער פאַר מינער זייַן שלונג.
ווייַל אַוועק איז שלעכט, אַז פאַר הונגער האָט אים געטרוקנט די צונג
און קיין פיש האָבן זיך מער ניט באַוויזן.
דער חלום צערונען, האָט ער אַ שלימאַזל קוים געפונען,
דער פייַנשמעקער פון פיש, דער פויגלריז
און עס אַ כאַפּ געטאָן אויף זייַן שנאָבלשפּיז...

דער פּיפּיקער מעג דאָס אויך פאַרגעדענקען:
ניט אַזוי איבערקלייַבן, ער וועט זיך דאָס ניט שענקען.
ס'איז אַ ריזיקע צו פאַרשפּילן, מען מוז זיך באַזינען,
ניט שטעלן צופיל אין קאָן, ווען אַלץ געווינען
דער עיקר ווערט מיט זיך אַליין קוויט,
ווען איר האָט מער־ווייניק אײַער פּראָפיט...

דאָס מילכמיידל מיט דער קאַן

פּערעט, טראָגנדיק אויפֿן קאָפּ מילך אין אַ קאַן
אויף אַ ווייך זיצל, האָט פֿלינק געשפּאַנט,
זיכער אָנצוקומען אין שטאָט אָן אַ שטרויכל און גרינג,
מיט אַ שוועבנדיקן טריט און קורץ געקליידט,
זיך האָבנדיק אָנגעטאָן כּדי צו זײַן פֿלינק,
מיט באַקוועמע שיך און שיכור צעשטרייט.
דאָס מילכמיידל אין מיטן פֿון איר גאַנג
האָט גענומען רעכענען אין איר געדאַנק
ווי אַזוי ניצן דעם ריווח פֿון דער מילך ווי אַן אַדערויף...
זי האָט געטאָן הונדערט אייער אַ קויף, ניט געצווייפֿלט
און דרײַפּאַכיק מיט היגער באַזעצט און געכפֿלט.
די זאַך איז אַוועק גלאַטיק ווי אַ שפּיל.
ס'וועט מיר זײַן לײַכט, האָט זי געזאָגט,
צו האָדעווען היגער אַרום מײַן הויז.
דער פֿוקס וועט זײַן זייער געשיקט און קלוג
אויב ער וועט עפּעס וועלן איבערלאָזן
ס'זאָל פֿאַרן חזרל זײַן גענוג.
און אויף אים אויסצופּאַשען וועט קיין סך ניט קאָסטן מסתּמא
ר'איז געווען באַלד פֿון אָנהייב גאַנץ פֿעט
בײַם פֿאַרקויפֿן וועל איך אָפּנעמען מיט פּראָצענט די סומע.

און ווער וועט מיר שטערן צו נעמען אינעם שטאַל,
לויט דעם פּרײַז, וואָס עס קאָסט אַ קו און אַ קאַלב?
וואָס כ'וועל זען שפּרינגען אַרום מיר אין אַ רעדל?
דערבײַ גיט אַ טענצל פֿאַר פֿרייד, פּערעט דאָס מײַדל;
די מילך אויף דער ערד און זי געזעגנט אין דער גאַנצער בלאָטע:
ס'קעלבל, די קו, דאָס חזיר, די היגער די גאַנצע האָלאָטע.

די פאַרמעגלעכע דאַמע לאָזט פאַלן מיט אַן אויג פול לויג
דעם גאַנצן מאַיאָנטעק, אַזוי צעגאָסן, צעטרעטן
און לויפט צום מאַן מחילה בעטן.
ס׳איז איר נאָר אַ שאַנד
און אַ געפאַר ער זאָל אויף איר ניט אַראָפּלאָזן אַ האַנט...

דאָס מעשהלע איז פון אַ שפּאַס — אַ שפּאַן:
מען האָט עס אָנגערופן: „די מילך אין קאַן"
וועלכער גייסט איז פרײַ פון אַזאַ מאַניע?
ווער בויט זיך ניט קיין פּאַלאַץ אין שפּאַניע?
פּיקראָקאָל (1), פּירהוס (2), דאָס מילכמיידל, דער צוואַניאַק,
יעדער אויף זײַן שטייגער ווערט אַ ווײַלע אַ מאַניאַק.
יעדער חלומט אין דער וואָר, ניט פאַראַן קיין צוימענוואַנט:
אַ שמייכלערײַ קומט און כאַפּט אונדז די נשמה אויף פליגל
און ס׳גאַנצע גוטס פון דער וועלט פאַלט אין אונדזער האַנט.
ווען כ׳בין אַליין — ווער איך דער בראַווסטער גאַר:
איך קאָן פון טראָן אַראָפּוואַרפן די האַרטסטע וואָר,
מען ווילט מיך פאַר אַ פּירער אויס,
און ס׳רעגנט איבער מײַן קאָפּ מיט קרוינען;
נאָר עפּעס אַ שטרויכל־וואַקל מאַכט פון אַלעם אַ שמוציק געמויז —
אָבער זיכער קאָן זיך עס לוינען.

---

(1) פּיקראָקאָל, אַ קאָמישער טיפּ פון פראַנצייזישן שרײַבער ראַבלע, וועלכער האָט געלעבט אין 18־טן יאָרהונדערט.

(2) פּירהוס, קעניג פון עפּיר, אַן אַלטע גריכישע פּראָווינץ ווו ער האָט געקיניגט.

דער וואָלף און דאָס שעפּעלע

די רעכטע פונעם שטאַרקן איז קאַלט אײַזן ;
מיר װעלן דאָס אײך גלײַך באַװײַזן.

אַ שעפּעלע האָט זיך מיט װאַסער געקװיקט
אין אַ פלוס פון כװאַליעס רײנע.
אַ װאָלף אַ ניכטערער האָט געזוכט אַן אַװאַנטורע אַ פײַנע
װעמען דער הונגער האָט אַהער געשיקט.
„װער לערנט דיך די חוצפה מײַן געטראַנק מוטנע צו מאַכן ?
זאָגט די חיה פול מיט צאָרן אַ פרעכן :
„דו װעסט געשטראָפט װערן פאַר דײַן װאַגן דעם בלויזן.”

— גנעדיקער הער, כ׳בעט אײַער מאַיעסטעט שװײַגן
און ניט זיך אױפרעגן ;
נאָך בעסער, ניט אָפּפרעגן,
װאָס איך קום מײַן דורשט שטילן
אין דעם פלוס דעם פולן,
מער װי צװאַנציק טריט הינטער אײַך ;
אַ סימן, אַז בעקײן פאַל קאָן איך ניט אומרײן מאַכן דעם קװאַל.
„דו פאַרשמוצסט אים, האַלט זיך בײַ זײַנס די חיה קוקנדיק אין טײַך ;
און איך װײַס, פאַראַיאָרן, צי װען, האָסט מיך באַרעדט”.
— װי איז עס מעגלעך, אַז כ׳בין נאָך ניט געװען אויף דער ערד ?
האָט דאָס שעפּעלע זיך פאַרטײדיקט, „איך זײג נאָך”.
„אויב ניט דו, איז עס דאָך דײַן ברודער, אַנו, פאַרנײן !”
איך האָב ניט קײנעם. „איז עס עמעץ פון אײערע, ס׳שטימט :
װײַל פון אײַך האָב איך אױסצושטײן,
פון אײַך פאַסטעכער און הינט.
מען האָט מיר שוין געזאָגט : איך מוז נקמה נעמען”.
און דערויף דער װאָלף כאַפּט עס און אַן עק !
אין דער טיף פון װעלדער אַװעק
און ער נעמט זיך צו דער סעודה־פּרעס,
אָן אַ שום פּאָרעם פון פּראָצעס.

די קראָ און דער פוקס

די שוואַרצע קעניגין די קראָ אויף איר צווײַג געבויגן,
האָט איר פּיסקל מיט אַ קעזל פאַרלייגט.
דער פוקס פונעם ריח צוגעצויגן,
האָט מער־ווייניק אַזאַ דרשה אָוועקגעלייגט:

„היי, איך סאַלוטיר אײַך קראָ פּרינצעסין,
מיט אײַער פעדערן־שלייער,
איר זענט דער פעניקס פון אַלע וואַלדגייער".

די ווערטער זענען פאַר דער קראָ נאָך ניט קיין גענאָד,
זי וויל באַווײַזן די שיינע שטימע, וואָס זי האָט.
דעם שנאָבל ברייט אַ צעעפן און לאָזט פאַלן דעם ביסן.
אַ כאַפּ געטאָן האָט דאָס דער פוקס און געזאָגט:

„מײַן שיינער פויגל, לערן, אַז יעדע שמייכלערײַ
לעבט אויפן חשבון פון יענעמס גלויבן.
אוודאי איז די לערע ס׳קעזל ווערט,
דער וואָס טשאַקערײַ הערט."

די פּרינצעסין־קראָ, פאַרשעמט און צעמישט,
געשווירן האָט — נאָר צו שפּעט — ,
אַז מער נאַרן וועט מען זי נישט.

די פראָש וויל זיך אויסגלייכן מיטן אָקס

אַ פראָש געזען האָט אַן אָקס
און ס׳איז איר געפעלן די פיגור.
זי וואָס האָט געהאַט בלויז פון אַן איי די גרייס,
מיט קינאה בלאָזט זיך אויף, אַרבעט איבער זיך ס׳איז קלאָר,
זי זאָל זיך אויסגלייכן מיט דער בהמה ווי צום בעסטן,
זאָגנדיק: טוט נאָר אַ קוק, מײַן שוועסטער;
איז עס שוין גענוג? זאָגט מיר נאָר, — האָט זי פּאַראַדירט.
— גרויסער גאָרנישט — אָט בין איך דאָך שוין דערגאַן?! — „עס הייבט זיך ניט אָן
— איר זענט נאָך זייער ווײַט״. און דאָס בהמהלע פון נאַראָנים די גרעסטע
האָט זיך אַזוי צעבלאָזן ביז זי האָט קראַפּירט.

די וועלט איז פול מיט אַזעלכע, וואָס ווילן ווי די פראָש פּרײַכן:
יעדער בירגער וויל בויען ווי די גרויסע סעניאָרן,
יעדעס מינדסטע מענטשל האָט אַמבאַסאַדאָרן,
יעדער מאַרקיז וויל די נאָבלסטע דינער גרייכן.

צווי טעפּ:
דער ליימענער און דער אײַזערנער

דער אײַזערנער טאָפּ האָט פֿאָרגעשלאָגן
דעם ליימענעם טאָפּ אַ שפּאַציר איבער וועלט.
דער לעצטער האָט פֿאַרשטאַנען זיך אָפּצוזאָגן,
טענהנדיק, אַז דער פּאַרבעט פֿאַר אים איז אײַנגעשטעלט,
בעסער פֿאַר זײַן סגאַל אין ווינקל בײַם פֿײַער,
ווײַל איין קרום געגנל קאָן אים קאָסטן טײַער.
„פֿאַר אײַך, זאָגט דער שמועסער, איז דאָס אַן אײַנפֿאַל,
איר האָט אַ גראָבע הויט, אַ סאָליד געשטאַלט,
אײַך דאַרף ניט שטערן מײַן אָפּהאַלט".
— מיר וועלן אײַך פֿאַרהיטן, פֿאַרוויקלען,
איר זאָלט זיך חלילה ניט צעשטיקלען,
האָט פֿאַרזיכערט דער טאָפּ מיט צוויי אויערן,
דער פֿונעם אײַזערנעם יחוס געבוירן.
— אויב עפּעס אַן אָנפֿאַל אין דער אַוואַנטורע,
צווישן אונדז כ׳וועל אײַך זײַן אַ שוצטורעם.
די רייד האָבן די שוואַכע כּלי איבערצײַגט.
דער אײַזערנער גיבור
שטעלט זיך בײַ דער זײַט פֿון זײַן חבר.

געענומען זײַן קאָמפּאַניאָן און געגאַן.
אָבער אין יעדן טראָט האָט ער געפֿילט אַ שטורך פֿון באַשיצער...
ניט האָבנדיק געמאַכט נאָך קיין הונדערט שפּאַן,
האָט דער ליימענער גולם זיך צעשיט אויף פּיצפּיצלעך.

לאָמיר נאָר שותּפֿות מאַכן מיט אונדזער גלײַכן,
ווײַל דער שטאַרקערער איז פֿאַר אונדז ניט ניצלעך,
ס׳קאָן רחמנא לצלן דער זעלבער גורל אונדז גרייכן.

די וועלף און די שעפּסלעך

ווער ס׳פּאַרהיט די וועלף הרגעט די שעפּסלעך
(מאַטאָ)

נאָך טויזנט יאָר פון מלחמה־רוף,
די וועלף האָבן געשלאָסן שלום מיט די שעפּסלעך.
אויבנאויפיק זענען רויִק געווען אויך די שאָף;
ווײַל אויב די וועלף פרעסן פאַרבלאָנקעטע נפשות,
די פּאַסטעכער פון זייער הויט נייען קליידער זיך אויף.
קיינמאָל קיין מנוחה ניט בײַ דער פּאַשע —
און פון דער צווייטער זײַט דאָס רוצחישע סטראַשען:
זיי האָבן ניט געקאָנט געניסן אָן ציטער פון זייער פּאַרמעג.
דער שלום־טראַקטאַט איז געווען: לעבנס־משכנות;
די וועלף זייערע קינדער; און די שעפּסלעך זייערע הינט — אויף נאמנות.
דעם אויסטויש געמאַכט אָן פאָרמולאַרן
און באַשטעטיקט דורך קאָמיסאַרן.
אין אַ צײַט ווען דאָס חיהוואָרג האָט באַקומען ציין
און געקאָנט לעבן אויפן אייגענעם מיסט...
האָט עס מער פון קיין אָפּמאַך ניט געוווסט;
די תאווה האָט זיי געכאַפּט אין קריג אַרײַן.
זיי האָבן געלויערט אויפן וועג
ווען די גנעדיקע פּאַסטעכער זענען אַוועק.

דערשטיקט אַ העלפט פון די פעטסטע רינדער
אַוועק אין נאָענטסטן וואַלד אויף דער סעודה גדולה.
זיי האָבן צו וויסן געטאָן אין דער שטיל זייערע לײַט,
ווען די הינט האָבן געגרוט גאַנץ זיכער אויף דער קייט
און זענען דערשטיקט געוואָרן שלאָפנדיקערהייט.
דאָס האָבן זיי געמאַכט פלינק, אַז דער קרבן פלעגט עס קוים דערשפּירן,
קיין איינער איז ניט אַנטרינען, אַלץ איז געוואָרן צעשינדן.

מיר קאָנען די קאָנקלוזיע אַזוי אויפבינדן:
אַז מען דאַרף מיטן אויסוווּרף נאָר מלחמה פירן.
דער שלום איז פאַר זיך אַלײַן ווויל און פײַן,
איך באַשטעטיק; אָבער צו וואָס ניצט עס?
אַז מיט שונאים קאָן מען צום שלום־טיש ניט גיין.

דער פּאַנטאָפֿלער און דער פֿינאַנצמאַן

אַ פּאַנטאָפלער האָט באַזונגען די פּרימאַרגנס ביז אין נאַכט אַרײַן,
אַז ס׳האָט אַרײַנגעיומטובט גלײַך אין האַרץ אַרײַן.
אַ װוּנדער פֿאַרן אויער און געזויבערט ס׳געמיט פֿון טרויער.
געריזלט האָט זײַן בלוט מיט חכמה פֿון פֿרייד. —
זײַן שכן גאָר אַנדערש, אַ גײַענדיקער באַרג מיט גאָלד באַנײט.

טאָמער האָט דער שלאָף אויף זײַן װײַע געשטאָפּלט,
האָט ס׳געזאַנג פֿון פּאַנטאָפלער אים אויפֿגעצאָפּלט.
װאָס איז אַ װוּנדער, אַז געלעבט האָט ער אין גאַנצן
אין די אָרעמס פֿון מרה שחורה פֿון פֿינאַנצן,
און ער האָט דעם שטערן געקאַרבט מיט דער קלאָץ־קשיה און װוּנדער:

„צי פֿאַרקויפֿט ער ניט, דער שכן אין מאַרק זײַנע שלאָפֿשטונדן,
װי מען פֿאַרקויפֿט דעם טעגלעכן ביסן און דעם טרונק?"
און מיט אַ חוזק אין טאָן: „הער גרוינעם, װיפֿל פֿאַרדינט איר אַ יאָר מיט געזאַנג?"
און דער פֿריילעכער פּאַנטאָפלער מיט אַ לײַכטקייט, אָן מאַניער:
— איך זאָרג מיך ניט, יעדער טאָג ברענגט זײַן ביסן, איך שװער!
„נו גוט, װיפֿל פֿאַרדינט איר אַ טאָג. אפשר קאָן מען װיסן?"
— איך האָב פֿײַנט רעכענען, ס׳איז גאָרניט אין מײַן גוסט,

אַז עס מאַכן זיך ליידיקע טעג — אַ יום־טוב טאָ איז װאָס?
ס׳מאַכן זיך טאָקע טעג, אַ יום־טוב רויִנירט,
אײנער אויפֿן צװייטנס חשבון לעבן פֿאַראָבירט, —
אַז עס גלוסט זיך אונדזער קירכעמאַן נײַע פּרעדיקער פֿאַרבעטן...

דער גביר האָט זיך צעשמייכלט פֿונעם זינגערס נאַיִװיטעטן.
„כ׳קאָן דיך מאַכן הײַנט פֿאַר אַן עושר, אַ גביר,
נאַ נעם דיר די הונדערט רענדלעך און היט זיי אונטער שלעסער פֿיר. —
כ׳װייס, גאָט זאָל באַשירמען, אויף אַ שװאַרצער שעה".

דעם פֿאַנטאָפּלער האָט דאָס אויג זיך צעפּראַלט פֿון שטוין.
ער גלייבט, אַז פֿון אַלע קרוינען איז געלט די שענסטע קרוין.
איז ער אַוועק אין קעלער זוכן אַ זיכערן באַהאַלט —
און זיך געכאַפּט, אַז זײַן פֿרייד האָט זיך געלאָשן, געוואָרן קאַלט.

יעדער קאַצנשאָרך האָט אים ווי אַן אַלאַרם געוועקט,
ס׳האַרץ האָט געהאַמערט, אַן אומרו האָט אים געוואָרגן פֿאַר שרעק.

ווי נאָר ר׳איז געוואָרן פֿונעם געלט אַ קרבן,
איז ס׳געזאַנג און דער שלאָף בײַ אים אָפּגעשטאָרבן.
איז ער אַוועק צום שכן מיט אַ געבעט פֿון אַ נאָטנקלאַנג
און אַ שאָט געטאָן די רענדלעך פֿאַר דער פֿרייד פֿון געזאַנג.

דער האָן און די פּערל

אין אַ טאָג האָט אַ האָן
אַ פּערל אַ שאַר געטאָן
מיטן ערשטן בעסטן זשעסט.
„איך גלייב, אַז זי איז דיך,
נאָר ס׳קלענסטע קערנדל געפֿין
וואָלט פֿאַר מיר געווען צום בעסט.״

ס׳איז דעם איגנאָראַנט
אַ ירושה־כתב אַרײַן אין האַנט,
אין בוכקראָם וואַרט אויף אַ פּאַרדינסט.
„איך גלייב, זאָגט ער, ס׳איז אַן אַנטיקל,
נאָר דער קלענסטער ביקל
וואָלט בעסער זײַן מײַן געווינס.״

אינהאַלט *

סימפאָניע אין ווינט

סימפאָניע אין ווינט 9
אויטאָ־פּאָרטרעט 11
פון מויל צו מויל 13
ווייטאָגן זיסע 14
אַזוי צו זאָגן 15
אויפן שפּיץ מעסער 16
מוזיק 17
אַ פידל 18
פּאַפּירענע דראָטן 19
מײַן אַלף־בית 20
אַלטע טעג 21
יהודי מענוכין 22
די נאַכט איז טרײַ 23
צוזאַמענטרעף 24
מאַנועל דע פאַיאַ 26
אַקאָרדן 28
וואַסערשפּיל 30
פרוי און האַרמאָניע 31
סענעגאַלן־טאַנץ 32
כּיבוד 33
אין די היילן פון חלום־וואָר 34
אויפן ים 36
ווען איך וואָלט 37
נאַכטמאַלער 38

שטימונג־געגנאַד

שטימונג־געגנאַד 43
(די לבנה הוידעט זיך) 44
אַ שיכורער טאָג 45
נאַכטוואַנדלעריין 46
אין האַלבן חלום 47
טאַפּיצעריע 48
איך בין אַ מויערער 49
טראַכטונגען 50
און דאָך 51
צײַטמאָטיוו 52
דו אַליין 54
דער ווײַנגאָרטן 55
בײַם פענצטער 56
רבונו של עולם 57
וואָרטסאַפּיר 58
ראָמאַנס 59
טריאָלעטן 60
טריאָלעטן־רוויז 63
די בין 64
אַדרעסן־העפט 65
שפּין ווײַטער 67
די מאָרגנס 68
צו מײַן קינדס קינד 69
טייל מאָל 70
מימאָדראַמע 71
פּאָרכטיקע טעג 72
ס׳קאָן זײַן 73
פון אונטער מײַן האַרץ 74
עלטער 76
געוויטער 77
ווער פירט מיך ? 78
מיט ראָזענפעלדס ליד 79
אַ מיצווה 80
דער אינהאַלט פון שטימונג 81
באַגערן 82
געטאָ־יאָרצײַט 84
דער דיכטער שלאָפט 85
איך רעד צו מיר 86

---

* די האַלבע לבנות ( ) ווילן זאָגן, אַז דאָס ליד האָט קיין טיטל ניט און דעריבער ווערט אָנגעגעבן די ערשטע שורה פון ליד אָדער אַ טייל.

זייגערמיל

זייגערמיל 89
(דער טאָג פון זייגער) 90
דאָס שענסטע גליק 91
וועלף 92
(דער שטאַרקסטער מענטש) 93
אין שפּאָן פון זייגער 94
דאַטעס 95
דער פידלזייגער 96
שפּילצייַג 97
שיריים 98
אַ שפּעטער גאַסט 99
פון וואַנען די טעג 101
ווערטער 102
פאַרוואַנדל 103
אַ מענטש 104
געדאַנקען 107
פון דור צו דור 109
חלומות 110
די פאַרצווייַפלונג פון מאָלער 111
די שילדקרויט 113
רייַס דיך דורך 114
דער לעצטער אות 115
פּרי הארבסט 116
די ווייַסע פּאַווע 117
דער שלאָס 118
סענסיבילימעט 119
דרייַ 121

אויף די וועגן פון ישראל

אויף די וועגן פון ישראל 125
בייַ דער כותל 126
ווי אַזוי ? 128
ירושלים 129
אַראַבישע קינדער 130
שומר צה״ל 131
געבעט 134
מלחמה־געוויטער 135
הייַנטצייַטיקס 136
תּפילות 137
ווו נעמט מען דעם שטיין ? 138
די פישערס פון נחל־ים 140
אין שפּיגל פון דמיון 142
געדענקשאַפט 143
מייַ 1967 144
יום־כיפּור־מלחמה 145
די וועלט איז מיט שינאה
פאַרבויט 146
די שבת־מלכה אין ישראל 147
צפת 148

אַרומנעמען די וועלט

אַרומנעמען די וועלט 151
רחמנות 152
מייַן אינערלעכער שאָטן 153
קאָרטנשפּיל 155
פרייַנד 157
מייַן ברודער יוסף 158
צום טאָג 160
פרימאָרגן 161
אויפן „בעסטן" אָרט 162
פּייזאַזש־עכאָס 163
מען לערנט יעדן טאָג 164
כ'וואָלט וועלן 165
בענגאַלישע אותיות 166
געשפּאַנקייט 167
היפּאָקריזיע 169
ווי מיינט איר ? 170
יהי רצון 171
פרילינג־געוויטער 172
אויפן רעפּובליק־פּלאַץ 174
טרוקעניש 178
רעגן 179
דער כוח פון וואָרט 180
פעניקס 181

דאָס ליד צום שפּעטער 184
איך רעד צו מײַן שאָטן 185
אין זיך 186
(פּאַראַן אין זייגער פון צײַט) 187
האָרבסטיק 188
אַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטן 189
טונקעלער פּאַקל 190
תּפילה 191
איבער די בריקן פון פּאַריז 192
(אין אַלע זײַטן פליסט דאָס
לעבן) 193
דעם טאָג אַנטקעגן 194
איך בין אַ פײַער־לעשער 195
פאַרטאָג 196
צו מ. ס. 198
הייליק ווינטל 200
זומערס 202
מאָנטיק 203
פאַר וועמען ? 204
איך פאַרלייג מיט מיר אַ
שמועס 205
דאָס קועלע סאַפּאָ 206
פאַר וואָס 207
נסיון 208
גערדאַנקען 209
איך גלייב 210

אין מיטן וועג

אין מיטן וועג 213
מיר דאַכט 214
פּאָרטרעט 215
איינגעהערט 216
דער יענעוועלטיקער 217
הספּד־ליד 219
גרוי 220
ליכט 221
טעאַטער 222
פרעמד 224
אלול 225
פאַר אַ ביימל 226
צוויי לידער צו ריקודה
פּאָטאַש 227
„אַ בולקע מיט פּוטער" 229
פון אַ שפּאַס... 230
פרילינג 231
יוגנט־ניגון 232
צו דער אויסשטעלונג פון
אַדאָם מושקאַ 233
צופאַל 234
(די געאַנטע פרייד), 235
(ס'איז טייל מאָל אַזוי רויִק) 235
ניין, איך וועל קיין פּוילן
מער ניט פאָרן 236
געדאַנקען איבער גרענעצן 237
אין די בערג 238
כ'וואָרט 239
יוגנט־עדות 240
אין האַרבסט 241
(דער ווינט שטורעמט) 242
אַמעריקאַנער בלומען 243
דורך טומאַנען 244
שוואַרץ אויף ווײַס 245
ערב־פרייד 248
פאַרטרויען 249
אונטערוועגס 250
נאָך ניט 251
מײַן פעדער 252

משלים

פון זשאַן דע לאַ פאָנטען

(איבערזעצונגען)

די זומפליג און די מוראַשקע 257
די טשאַפּליע, דער
פײַנשמעקער פון פיש 259
דאָס מילכמיידל מיט דער
קאַן 261
דער וואָלף און דאָס שעפּעלע 263
די קראָ און דער פוקס 264
די פראָש וויל זיך
אויסגלײַכן מיטן אָקס 265
צוויי טעפּ: דער ליימענער
און דער אײַזערנער 266
די וועלף און די שעפּסלעך 267
דער פאַנטאָפּלער און דער
פינאַנצמאַן 269
דער האָן און די פּערל 271

פון זעלבן מחבר:

טוי פון שטילקייט — לידער — **פּאַריז, 1951**
אַ נײַ לעבן — דערציילונגען — **פּאַריז, 1959**
שטערן אין מײַן שויב — לידער — **פּאַריז, 1961**
קאָלירן און קלאַנגען — לידער — **פּאַריז, 1967**
אינטים מיטן בוך — עסייען — **פּאַריז, 1973**
סימפאָניע אין ווינט — לידער — **פּאַריז, 1978**

RIVKA KOPÉ

SYMPHONIE AU VENT

Poèmes

PARIS 1978